STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11276

DER INTERNATSYONALN ARBETER ORDN IN IDISHN LEBN

R. Zaltsman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן און אידישן לעבן

באַריכט

פון

ר. זאַלצמאַן

נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון דער אידישער סעקציע
פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן,
צום פערטן נאַציאָנאַלן צוזאַמענפאָר
אין פּיטסבורג, אַפּריל, 1938.

אַרויסגעגעבן פון דער
נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון דער אידישער סעקציע,
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן
209

געדרוקט אין 5,000 עקזעמפּלאַרן

דער אָרדן אין אידישן לעבן

טייערע חברים דעלעגאַטן :

די אידישע סעקציע פונעם אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן פאַרזאַמלט זיך צו איר פערטן צוזאַמענפאָר אין איינעם פון די וויכטיקסטע מאָמענטן אין דער געשיכטע. ווי אַ בייזער, שרעקלעכער געוויטער טראָגט זיך דער פאַשיזם איבער דער וועלט און לאָזט איבער נאָך זיך מיליאָנען קרבנות. מיר שטייען ערב אַ נייער גרויסער מלחמה, וואָס דראָעט צו פאַרניכטן די גאַנצע וועלט. מיר שטייען ערב אַ צייט, וועלכע וועט דאַרפן אַנטשיידן די געשיכטע פון דער מענטשהייט פאַר קומענדיקע דורות. די פליכטן און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס די צייט לייגט אַף אונדז אַרויף, זיינען דעריבער ריזיק־גרויסע.

I. די לאַגע פון די אידישע מאַסן איבער דער וועלט

אין אונדזער באַריכט ווילן מיר זיך אָבער ניט אָפּשטעלן אַף דער אַלגעמיינער פּאָליטישער לאַגע. דאָס האָט שוין געטאָן חבר בעדאַכט אין זיין באַריכט פאַר דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע. מיר ווילן זיך אויסשליסלעך אָפּשטעלן אַף דער לאַגע פון די אידישע מאַסן אין די פאַר־שיידענע לענדער, אַ לאַגע, וועלכע איז מיט דער וואַקסנדיקער רעאַקציע גע־וואָרן שטאַרק פאַרערגערט. ביידע שאַרפן פון דער בלוטיקער שווערד פון מיטלאַלטער דראָען אונדזערע פאָלק־מאַסן — פון איין זייט דער פאַשיזם, פון דער צווייטער — דער־מיט־אים־וואַקסנדיקער חיהשער אַנטיסעמיטיזם. אַ דראָענדיק בילד שטעלט מיט זיך פאָר דאָס לעבן פון די אידישע מאַסן היינט צו טאָג.

דייטשלאַנד

שוין איבער 5 יאָר, אַז היטלער פאַרפאָלגט אָפּן ברוטאַלסטן אופן די אידן פון דייטשלאַנד. זיין ציל איז פולשטענדיק אויסצוראָטן די אידישע מאַסן. פון די 600,000 אידן, וואָס דייטשלאַנד האָט פאַרמאָגט איידער היטלער

איז געקומען צו דער מאכט, זיינען איצט געבליבן ארום א העלפט, און באריכטן פון דאָרטן דערציילן, אז אין 5 יאָר ארום וועט דייטשלאנד פארמאָגן בלויז אידן זקנים.

די אידן אין דייטשלאנד שטייען אויס די נידעריקסטע באליידיקונגען. עס איז געגנוג א קוק צו טאָן אף איינעם פון די איצטיקע דייטשע לערן־ביכער, כדי צו באגרייפן זייערע שרעקלעכע גייסטיקן ליידן, די גרוילזאמע פאר־פאָלגונגען וואָס זיי דארפן טאָג־טעגלעך אויסשטיין. וואָס פאר א מין העסלעכע בילדער עס ווערן דאָרט געגעבן פון די אידן, וואָס פאר א נידערטרעכטיקע אויסטייטשונגען און וואָס פאר א שווידערלעכע בילבולים דאָרט ווערן געמאכט אפן אידישן פאָלק!

דער נאציזם באנוגנט זיך ניט מיט זיינע מערדערישע פארברעכנס קעגן די אידן אין דייטשלאנד אליין. ער האָט זיך געשטעלט פאר אן אויפגאבע צו אָרגאניזירן אן אנטיסעמיטישן אינטערנאציאָנאל אין אלע לענדער. היטלער גיט אויס מיליאָנען דאָלאר אריינגצוברענגען זיין גיפטיקע פּראָפּאגאנדע אין יעדן איינציקן לאנד אין דער וועלט. ניט קענענדיק לייזן די שווערע פּראָב־לעמען פון די מאסן אין דייטשלאנד, ניט קענענדיק זיי געבן געגנוג עסן צו דער זאט, ארונטערדריקנדיק זייער לעבנס־סטאנדארד נידעריקער און נידע־ריקער, זוכט היטלער אויפצורייצן די פּאטריאָטיש־שאָוויניסטישע געפילן, אלס א צוגרייטונג צו א נייער שווידערלעכער וועלט־מלחמה, און גלייכצייטיק דערמיט זוכט ער אויפצורייצן די נידעריקסטע אינסטינקטן פון די דייטשע מאסן קעגן די אידן, נוצנדיק די אלטע אנטיסעמיטישע תורה, אז אין אלע צרות און אין אלע ליידן פון די מאסן זיינען שולדיק די אידן.

עסטרייך

עס איז בלויז געציילטע חדשים זינט היטלער האָט איינגעשלונגען עסט־רייך און די קרבנות פון די אידישע מאסן דערגרייכן שוין אין די טויזנטער. די נייעס וואָס קומט אָן יעדן טאָג פון עסטרייך דערציילט וועגן הונדערטער „זעלבסטמאָרדן”. נאָך צען מאָל מער ווערן באגאנגען קאלבלוטיקע מערדערייען פון די פאשיסטישע הינט. טויזנטער אידן קלאפּן אָפּ די טירן פון דעם פוילישן, אמעריקאנעם און אנדערע קאָנסולאטן, זוכנדיק זיך ארויסצורייסן פון דעם שרעקלעכן גיהנום. צענדליקער אידישע געלערנטע—צווישן זיי טייל פירנדיקע וועלט־געלערנטע — זייַנען ארעסטירט אָדער דערמאָרדעט געוואָרן. אויסראָטונג, דערנידעריקונג, פיזישער און גייסטיקער מאָרד, ברוטאלער חורבן — אָט דאָס איז דער גורל פון די אידישע מאסן אונטערן מערדערלעכן היטלער־קנאפל.

רומעניע

שווער איז געווען די לאגע פון די רומעניש אידן אויך פאר די

געשעעניש אין די לעצטע עטלעכע חדשים. אבער נאך שווערער און ביטערער איז דאס לעבן פון די אידן אין רומעניע איצט, שוין אפילו נאכדעם ווי די טרויעריק־בארימטע גאגא־רעגירונג, וועלכע האט בנוגע די אידן איבערגענומען די אנטיסעמיטישע היטלער־פראגראם, איז געפאלן. די קעניגלעכע דיקטאטור, וואס איז איינגעפירט געווארן נאך דעם ווי די גאגא־רעגירונג איז ארונטער־געזעצט געווארן, איז געווען א מאמענט פון פרייד פאר די אידן. ווי צו אזא פרייד! דער אונטערשייד ליגט אפשר אין דעם, וואס בא דער גאגא־רעגירונג איז די אויסראטונג פון די אידן געווען עפנטלעך און דירעקט און בא דער איצטיקער רעגירונג איז די אויסראטונג א מער באהאלטענע און ניט אזוי אפן ברוטאל. אבער ווענטלעך האט זיך זייער ווייניק געביטן די לאגע פון די אידן.

פוילן

ערשט אינגאנצן מיט 8 חדשים צוריק איז אונדז אויסגעקומען צו באזוכן אייניקע צענטערן פון פוילן: ווארשע, ווילנע און בריסק. און מיר קענען זיך נאך ניט באפרייען פון דעם שרעקלעכן איינדרוק, וואס עס האט אף אונדז געמאכט דאס טרויעריקע לעבן פון די אידישע מאסן אין פוילן. הונגער, דחקות, נויט פילן אן די אידישע קווארטאלן אין אלע שטעט, וואס מיר האבן באזוכט. בא דעם עלטערן דור נעמט מען סיסטעמאטיש אפ זייער קלעגלעכע חיונה, וואס זיי האבן געהאט ביז איצט. דער אינגערער דור האט כמעט קיין אויסזיכטן ניט. די שענסטע אינסטיטוציע וואס די פוילישע אידן פארמאגן, די וועלטלעכע קינדער־שולן, ווערן אייניקווייז אומגעבראכט פון דער מאכט. פון 140 שולן זיינען געבליבן בלויז 80, און א גרויסער טייל פון זיי לעבט אונטער דער שטענדיקער מורא, אז היינט־מארגן וועט מען זיי צומאכן. דער אנטיסעמיטישער געשריי אין פוילן, אז די דריי מיליאן אידן וואס וואוינען דארט זיינען איבעריקע און אז זיי זיינען די סיבה פון דער שלעכטער לאגע אין לאנד, איז בלויז א דעמאגאגישער אויסרייד פאר דער שווערער עקא־נאמישער לאגע פון די פוילישע מאסן בכלל. דאס נוצן די פוילישע פאשיסטן די בארימטע אנטיסעמיטישע „טעאריע״, אז די אידן זיינען שולדיק אין דעם וואס די פויערים האבן קיין ערד ניט, די אידן זיינען שולדיק אין דעם, וואס עס הערשט ארעמקייט און דחקות אין פוילן. עס איז ניט גרינג דאס לעבן פון די מאסן אין פוילן. אבער נאך שווערער און נאך ערגער איז דאס לעבן פון די אידישע מאסן. די טאג־טעגלעכע אנפאלן אף אידן אין די גאסן, די מורא ארויסצוגיין נאך 9 אזייגער באנאכט אויסער די אידישע געגנטן, דאס צומאכן ביבליאטעקן, שולן און אנדערע קולטור־אינסטיטוציעס, די טיילווייזע דורכפירונג פון די בארימטע געטא־בענק — ווען מען גיט־צו דאס אלץ צו דער שרעקלעכער עקאנאמישער לאגע פון די אידן אין פוילן, איז דאס בילד פארפילט.

ניט קוקנדיק אף זייער שווערער לאגע פירן אבער אן די אידישע מאסן אין

פוילן אן עקשנותדיקן קאמף איינצוהאלטן זייערע קולטור־אינסטיטוציעס. נאך דער שווערער לאגע, וואס מיר האבן דארטן געזען, האבן אונדז געפרייט די דערמוטיקנדיקע ווערטער, וואס מיר האבן געהערט פון א גרויסן טייל אידישע קולטור־טוער און פירער אין דער ארבעטער־באוועגונג. דאס זיינען ניט געווען קיין ווערטער פון פארצווייפלונג, נאר האפענונגספולע ווערטער, וואס האבן אויסגעדריקט די גרייטקייט צום קאמף צו פארטיידיקן די אידישע קולטור, דאס אידישע לעבן, דעם פארלאנג פארצוזעצן דעם בויאונג־פראצעס אף אלע געביטן אינעם אידישן לעבן. אין פאדערגרונט פון דעם קאמף שטייט דער אידישער ארבעטער. פאראייניקט און פארבונדן מיטן פוילישן ארבעטער, מיט די פוילישע מאסן, זוכט ער ניט נאר צו פארטיידיקן זיין היינט, נאר אויך אויסצוקעמפן און צו בויען פאר זיך א פרייען מארגן.

די לאגע פון די אידן אין א גאנצער ריי האלב־פאשיסטישע לענדער איז ניט בעסער ווי די לאגע פון די אידן אין פוילן און אין רומעניע. דאס וואס מיר האבן געזאגט וועגן פוילן און רומעניע קען אנגעווענדט ווערן אויך אף לאטוויע און ליטע.

פאלעסטינע

ווי לעבט זיך די אידן אין פאלעסטינע? וואס איז זייער עקאנאמישע לאגע? וואס זיינען די רעזולטאטן פון דער ציוניסטישער פאליטיק? אז די לאגע פון די אידן אין פאלעסטינע איז א טרויעריקע, דאס איז אונדז אלעמען לאנג באקאנט. מיר ווילן אבער דא איבערגעבן אן אויסצוג פון אן ארטיקל אין „טאג פון 1טן אפריל, 1938. דער ארטיקל איז געשריבן פון א הייסן איבערגעגעבענעם פריינט פון ציוניזם, א פועלי־ציוניסט, ב. אסטראווסקי, וועלכער געפינט זיך אין פאלעסטינע:

„ווי לעבט זיך איצט אין ארץ ישראל?
„שלעכט, קריזים.

„די אימיגראציע, באזונדערם די אזוי־צו־זאגן קאפיטאליסטישע אימיגראציע, וואס האט געהאלטן אין איין פליםן פאר די לעצטע עטלעכע יאר, ביז אפריל, 1936, אט־די אימיגראציע, וואס איז פאר די לעצטע עטלעכע יארן געווען אזוי רירעוודיק און שעפעריש, איז צוליב דער אומזיכערער פאליטישער לאגע, אין איר גרעסטן טייל, אפגעשטעלט געווארן.

„עס קומען אויך ניט, צוליב די זעלביקע סיבות, קיין טוריסטן, הייזער ווערן ניט געבויט מיטן זעלביקן אימפעט ווי פריער, די אינ־דוסטריע איז כמעט ווי פאראליזירט, דאס דארף האט ניט וואו צו פאר־קויפן דעם צוואוואוקס פון די פראדוקטן.

„אויסער די יעניקע, וואס האבן זייערע שטענדיקע ארבעט־פלעצער,

ווערט די צוגעקומענע און סעזאָנע ארבעט פאַרטיילט אומעטום, סיי אין דאָרף און סיי אין שטאָט, צווישן אַלע ארבעטלאָזע. עס איז דעריבער אין ארץ ישראל ניט מעגלעך, אַז ווער עס איז זאָל זיין אינגאַנצן ארבעט־לאָז. אָבער נאָך דער פאַרטיילונג קומט אויס, אַז מען ארבעט 2 אָדער 3 טעג אַ וואָך און די וועכנטלעכע פאַרדינסטן גרייכן קוים די סומע פון 3 דאָלאַר בערך — דערפון דירה־געלט, אַ שוך און אַ קלייד, אויב ניט פאַר זיך, איז לפּחות פאַרן קינד.

„דערעסט מען ניט, אָדער מען עסט ברויט בצמצום; עסט מען אַ שטיקל פלייש משבת לשבת, און זעלטן ווען מען קען נאָך דערצו אָפּשפּאָרן פאַר אַ גלאָז מילך און אַן איי פאַרן קינד.

„דער סך־הכל איז זייער אַ קורצער — די לאַגע איז אַ שווערע. דעם קריזיס פילט יעדער איינער און אומעטום, סיי אין דאָרף און סיי אין שטאָט, סיי אין צפון און סיי אין דרום...״

מיר האָבן געבראַכט אָט־דעם לענגערן אויסצוג פון ב. אָסטראָווסקין, כדי מיר זאָלן קענען זען וואָס אַ פריינט פון ציוניזם זאָגט. וואָלטן מיר גע־זאָגט די זעלבע ווערטער, וואָלטן אונדז די ציוניסטן פאַרשריגן אַלס שונאי־ישראל, אַלס די וואָס טראַכטן אויס בלבולים אויף די אידן אין פּאַלעסטינע. אויסער דער שלעכטער עקאָנאָמישער לאַגע אין פּאַלעסטינע טאָר מען אויך ניט פאַרגעסן די אומזיכערע פּאָליטישע לאַגע, אַ לאַגע וואָס שמעקט מיט פּולווער. מען טאָר ניט פאַרגעסן דעם אומאויפהערלעכן קאַמף, וואָס גייט אָן טאָג־טעגלעך און וואָס האָט שוין געקאָסט טויזנטער קרבנות.

ווער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אָט־דער לאַגע אין פּאַלעסטינע? אויף דעם קענען ניט זיין קיין צוויי ענטפערס: שולדיק איז די שעדלעכע פּאָליטיק פונעם בריטישן אימפּעריאַליזם, וואָס ווערט אונטערשטיצט פון דער ציוניסטי־שער אָרגאַניזאַציע. די פּאָליטיק פונעם ענגלישן אימפּעריאַליזם איז אונדז שוין לאַנג באַקאַנט: דאָס איז די פּאָליטיק פון צעטייל און הערש. און ווייל דער ציוניזם איז געוואָרן דער עק פונעם ענגלישן אימפּעריאַליזם, האָט ער אַזוי־אַרום געבראַכט צו דעם, אַז די אַראַבישע מאַסן זאָלן אָפּטמאָל זען זייער שונא אין די אידישע מאַסן אין פּאַלעסטינע, אַנשטאָט אין דער בריטישער אימ־פּעריאַליסטישער פּאָליטיק מיט אירע אַראַבישע און ציוניסטישע אונטער־שטופּער, און אויסלאָזן זייערע ביטערע געפילן צו זייערע קעפּ. אַנשטאָט צו דערגרייכן איינִיקייט מיט די אַראַבישע מאַסן, אַנשטאָט צו טאָן וואָס איז נאָר מעגלעך צו ברענגען צו אַ פאַרשטענדיקונג צווישן די אידן און אַראַבער, צו ברענגען האַרמאָניע און שלום, האָט די ציוניסטישע פּאָליטיק אַנטאַגאָני־זירט די אַראַבישע מאַסן און זיי אָוועקגעשטעלט קעגן די אידישע מאַסן. עס פאַרשטייט זיך, אַז צו דעם האָבן צוגעהאָלפן די אַראַבישע בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן, וואָס האָבן געקערעוועט דעם געזונטן אַנטי־אימפּעריאַליס־

טישן, אנטי־בריטישן סענטימענט בא די אראבישע מאסן, זייער פארלאנג זיך צו באפרייען פון ענגלישן יאך, אין א שעדלעכער ריכטונג — קעגן די אידישע מאסן.

און צוליב דעם, וואס מיר זיינען ניט געווען איינשטימיק מיט דער פאליטיק פון דער ציוניסטישער באוועגונג, האבן די ציוניסטן אונדז דער־קלערט א מלחמה אף לעבן און טויט. זיי האבן מיט אונדז ניט געפירט קיין אידעאלאגישן קאמף. אזא קאמף האבן זיי ניט געוואלט פירן. זיי האבן אף אונדז אנגעווארפן שרעקלעך־שעדלעכע בלבולים, אז מיר האבן אונטערשטיצט די אנפאלן אף אידן. זיי האבן געדענקט, אז זיי וועלן אונדז דורך דעם איזאלירן פונעם אידישן לעבן. עס איז זיי אבער ניט געלונגען. פון דער טריבונע פון אונדזער פערטן צוזאמענפאר וויזן מיר מיט פאראכטונג צוריק אט־דעם שעדלעכן בלבול. מיר דערקלערן, אז די אינטערעסן פון די אידישע מאסן אין פאלעסטינע זיינען אונדז פונקט אזוי טייער ווי די אינטערעסן פון די אידן אין פוילן, אין רומעניע און אין אנדערע לענדער. און טאקע דערפאר, ווייל די אינטערעסן פון די אידישע מאסן אין פאלעסטינע זיינען אונדז טייער, קענען מיר ניט צושטימען צו דער שעדלעכער פאליטיק פון דער אלוועלטלעכער ציוניסטישער ארגאניזאציע, א פאליטיק, וואס איז ניט נאר קעגן די אינטערעסן פון די אידן אין פאלעסטינע, נאר קעגן די אינ־טערעסן פון די אידן אין אלע לענדער.

זיי וואגן אונדז אויפצווארפן, אז אונדז גייען ניט אן די אינ־טערעסן פון די אידישע מאסן. זיי ווייסן זייער גוט, אז א צאל פון די ב ע ס ט ע ז י ן פ ו ן א ר ד ן פארגיסן איצט זייער בלוט אף די שלאכטפעלדער פון שפאניע, אין קאמף קעגן פאשיזם, וועלכער איז דער ביטערסטער שונא פון די אידישע מאסן. זיי קעמפן ניט בלויז פאר די שפאנישע מאסן, נאר פאר די אידישע מאסן איבער גאר דער וועלט. א גרויסער טייל פון די מיטגלידער פון אונדזער ארדן האבן פארטיידיקט די לעבנס, דאס האב און גוטס פון די אידן אין דער צייט פון די צארישע פאגראמען. זיי זיינען געווען גרייט אוועקצוגעבן זייער לעבן צו פארטיידיקן די אידישע מאסן קעגן די בלוטיקע אנפאלן, און וועלן איצט אויך זיין גרייט זיך צו שטעלן קעגן דעם אנטיסעמיטיזם און פאשיזם, קעגן יעדן אנפאל אפן לעבן, אף דער זיכערקייט פון אונדזער פאלק. כאטש מיר גלייבן ניט אין די ציוניסטישע אידעאלן און אין דער ציוניסטישער פאליטיק, האלטן מיר זיך אבער פאר איבערגעגעבענע און געטריע זין פון די אידישע פאלק־מאסן. ווער האט געשאפן און אנגעהאלטן די אידישע פאלקס־קולטור? ווער שאפט די אידישע ליטעראטור? ווער היט אפ און פלעגט אונדזער פאלקס־שפראך אידיש? מיר, די אידישע ארבעטער און פאלק־מאסן, פארקניפט און פאר־בונדן מיט דעם אידישן לעבן, פון היינט און פון נעכטן, האלטן אן די הערלאישע טראדיציעס פון דער אידישער געשיכטע און גייען — ניט צוריק, צום עבר! — נאר פאראויס, צו א בעסערער, מער ליכטיקער וועלט.

דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער ארדן דערקלערט נאכאמאל, אז בלויז א געענדערטע פאליטיק, בלויז א שלום צווישן די אידישע און אראבישע

מאסן, וועט פארזיכערן און העלפן דעם אידישן ישוב אין לאנד, דאס אידישע לעבן, וואס די ערלעכע הארעפאשנע אידישע מאסן אין פאלעסטינע האבן פאר זיך געבויט.

סאוועטן־פארבאנד

ווי א ליכטיקער זייל אין דעם חושך שיינט ארויס דאס לעבן פון די אידישע מאסן אין סאוועטן־פארבאנד. בלויז מיט עטלעכע און צוואנציק יאר צוריק האט אין דעם לאנד געהערשט דער צאריזם. דער פאגראם איז דארט געווען א טאג־טעגלעכער טרויעריקער שאטן פון אידישן לעבן. געדענקען מיר דען ניט ווי דאס אידישע לעבן איז געווען הפקר? קענען מיר דען פארגעסן דעם אייזערנעם רינג ארום דער בארימטער טשערטא, וואו די ברייטע אידישע מאסן זיינען געשטיקט געווארן? קענען מיר דען פארגעסן זייער ביטערע עקאנאמישע לאגע, זייער רעכטלאזיקייט?

און היינט, מיט קארגע 21 יאר שפעטער, האט די סאוועטן־רעגירונג, די רעגירונג פון די ארבעטער און פויערים ניט נאר אפגעשאפט אלע גזירות קעגן אידן, נאר זי האט זיי געמאכט גלייכבארעכטיקט מיט אלע פעלקער, האט דערקלערט אנטיסעמיטיזם און כוליגאנסטווע אויסערן געזעץ, האט געעפנט די טויערן פון אלע בילדונג־אנשטאלטן, פון אלע זאוואדן און פאבריקן, האט אויסגעגעבן און גיט אויס מיליאנען דאלאר אף העלפן אויפבויען דאס אידישע קולטור־לעבן. טויזנטער קינדער־שולן עקזיסטירן אין דער אידישער שפראך, אין זיי לערנען צענדליקער טויזנטער קינדער. הונדערטער טויזנטער דאלאר גיט אויס די רעגירונג פון לאנד, כדי ארויסצוגעבן לערן־ביכער און לייען־ביכער, סיי פאר קינדער און סיי פאר דערוואקסענע.

מיט צען יאר צוריק האט די סאוועטן־רעגירונג אפגעטיילט א שטיק לאנד, בירא־בידזשאן, מיטן צוועק צו באזעצן דארטן א גרויסע צאל אידן. און מיט דריי יאר צוריק איז בירא־בידזשאן דערקלערט געווארן פאר א אידישער אויטאנאמער געגנט. אין פארלויף פון די 10 יאר צייט האבן 30,000 אידן זיך באזעצט אין בירא־בידזשאן. ניט קוקנדיק אף דעם וואס די ערשטע 10 יאר זיינען געווען די שווערסטע פיאנערן־יארן, ווען מען האט געדארפט אויפבויען דאס לאנד, איז דאך אויסגעוואקסן א פארצווייגטע אינדוסטריע. אין די 5 ראיאנען פון בירא־בידזשאן געפינען זיך ארום 4 צענדליק אינדוסטריעלע קאאפעראטיוון, וואס שפילן זייער א וויכטיקע ראל אין דעם ווירטשאפטלעכן לעבן פון געגנט.

די אלגעמיינע פראדוקציע פון די קאאפעראטיווע ארטעלן אין 1937 האט דערגרייכט 15 מיליאן רובל. דאס איז א פארגרעסערונג פון 150 פראצענט אין פארגלייך מיטן פריערדיקן יאר. בירא־בידזשאן קען זיך בארימען מיט פיל שלאגלער, סטאכאנאווצעס, סיי אפן אינדוסטריעלן, סיי אפן אגרי־קולטורעלן געביט.

אויך אפן קולטורעלן געביט האט זיך בירא־בידזשאן פיל אנטוויקלט. אין יאר 1927 זיינען דארט געווען 57 שולן מיט 4,794 שילער. אין 1937 זיינען שוין געווען 113 שולן מיט 15,914 שילער, מיט א לערער־קאלעקטיוו

פון איבער 700. בירא־בידזשאן פארמאגט צוויי טעגלעכע צייטונגען און 5 געגנט־אויסגאבן. עס דערשיינט א דריי־חדשימדיקער זשורנאל „פארפאסט". בירא־בידזשאן פארמאגט אויך א אידיש מלוכה־טעאטער, א צאל מוזייס, א. אז. וו.

רעדנדיק וועגן די דערגרייכונגען פון בירא־בידזשאן דארפן מיר נעמען אין אכט די רויקייט פון דעם לאנד און די שווערע באדינגונגען אונטער וועלכע עס איז אויסגעקומען די ערשטע אימיגראנטן דארט צו ארבעטן. מיר דארפן אויך געדענקען, אז א טייל זיינען ניט געווען צוגעפאסט פאר פיאנערן־ארבעט; און ווען מען געדענקט נאך די שעדיקעריי פון די סאבאטאזשניקעס, די פאררעטער — די טראצקיסטן און בוכאריניסטן, סיי אין דער בויאונג פון דעם לאנד, סיי אין דעם אויסוואל און אין דער אויפנאמע פון די אימי־גראנטן, קען מען ערשט פארשטיין, אז די אויפטואונגען אין בירא־בידזשאן זיינען באמת גלענצנדע, וואס דארפן באגריסט ווערן. איך באנוץ זיך טאקע מיט דער טריבונע פון אונדזער צוזאמענפאר, אין דעם נאמען פון אונדזער נאציאנאלער עקזעקוטיווע, פון אונדזער גאנצער אידישער סעקציע איבער־צושיקן א הייסן חברשן גרוס צו די טוער און בויער פון בירא־בידזשאן, צו דער סאוועטן־רעגירונג, וועלכע האט מעגלעך געמאכט די ביז־איצטיקע דערגרייכונגען.

בירא־בידזשאן, און די לאגע פון די אידן אין אנדערע טיילן פון סאוועטן־פארבאנד, זיינען א גלענצנדער ביישפיל ווי אזוי עס קען געלייזט ווערן די נאציאנאלע פראגע, ווי אזוי צענדליקער פעלקער קענען לעבן ברידערלעך אונטער איין דאך, בויען זייערע אייגענע קולטורן און זייער אייגן לעבן.

פאראייניקטע שטאטן

אין די פאראייניקטע שטאטן געניסן די אידן פולשטענדיקע גלייכ־בארעכטיקונג מיט אלע אנדערע פעלקער. די אידישע מאסן פארנעמען א וויכטיקע פאזיציע אינעם עקאנאמשן, פאליטישן און קולטורעלן לעבן דא אין לאנד. די אידן ליידן פון דעם קריזיס, פון דער שווערער עקאנאמישער לאגע, ניט דוקא אלס אידן, נאר צוגלייך מיט אלע איינוואוינער פון לאנד. אידן האבן גענאסן פון דעם העכערן לעבנס־סטאנדארד, פונקט ווי עס האבן גענאסן אלע אנדערע פעלקער אין די פאראייניקטע שטאטן.

פונדעסטוועגן דארפן מיר ניט פארמאכן די אויגן אף די וואקסנדיקע כחות פון אנטיסעמיטיזם, וואס ארבעטן האנט אין האנט מיט די פאשיסטישע כחות דא אין לאנד. מען טאר אויך ניט פארזען די דיסקרימינאציעס, וואס האלטן זיך אין איין פארמערן סיי אין פאבריקן, סיי אין אפיסעס, סיי אין די פראפעסיעס קעגן אידן. אין די לעצטע 5 יאר, זינט היטלער איז געקומען צו דער מאכט אין דייטשלאנד, האט ער אריינגעווארפן מיליאנען דאלאר פאר זיין פאשיסטישער און אנטיסעמיטישער פראפאגאנדע דא אין לאנד און עס האבן זיך מיט דער הילף פון די נאצים פארמערט די צאל אנטיסעמיטישע ארגאניזאציעס אין די פאראייניקטע שטאטן. עס זיינען איצט דא, ניט קיין

צענדליקער — נאָך הונדערטער — ציַיטונגען, וועלכע פאַרשפּרייטן דעם גיפטיקן סם פון פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם. די נאַצי־אָרגאַניזאַציעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען די דירעקטע טרעגער און פאַרשפּרייטער פונעם אַנטיסעמיטיזם. און ווייל די אידן שפּילן זייער אַ וויכטיקע ראָל אין דעם עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן אין לאַנד, ווילן די אַנטיסעמיטן אויסנוצן אַט די דערשיינונג און אַף איר באַזירן זייער אַנטיסעמיטישע און פאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע. די אידישע מאַסן דאַרפן דאָס זייער שטאַרק אײַנזינען האָבן. דאָס אידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן, די אידישע אָרגאַני־זאַציעס דאַרפן זיך באַצייטנס צוגרייטן צו באַקעמפן די פאַשיסטישע און אַנטיסעמיטישע כחות דאָ אין לאַנד.

דער לעצטער אַקט פון דער רוזוועלט־רעגירונג, דאָס וואָס זי איז געווען דער איניציאַטאָר, שיקנדיק אַ רוף צו 33 לענדער כדי צו העלפן די פאַרפאָלגטע אידן פון דייטשלאַנד און עסטרייך, איז אַן אַקט, וואָס דאַרף באַגריסט ווערן פון די אידישע מאַסן אין אַמעריקע. דאָס איז אַן אַקט, וואָס וועט ניט נאָר טיילווייז ברענגען די זייער נויטיקע הילף פאַר די ליידנדיקע אידן, נאָר דאָס איז אויך אַ קלאַפּ פאַר דעם פאַשיזם אין דייטשלאַנד, און די פאַשיסטישע כחות אין אַמעריקע.

קיין ספק ניט, אַז אַט־דער וויכטיקער אַקט פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג איז געקומען טיילווייז אַ דאַנק דער אַרבעט פון דעם אַמעריקאַנעם אידישן קאָנגרעס, דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט און דעם אידישן פאָלקס־קאָמיטעט, וואָס האָבן דורכגעפירט אייניקע וויכטיקע אַקציעס אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן, מאָביליזירנדיק די אידישע מאַסן און די פּראָגרעסיווע כחות דאָ אין לאַנד פאַר דער פאַרטיידיקונג פון די אידן אין די פאַשיסטישע לענדער. איז דען ניטאָ, אויב אַזוי, קיין גענוגנדיקער גרונט צו גלויבן, אַז ווען אַט־די דריי אָרגאַניזאַציעס וואָלטן געווען פאַראייניקט, וואָלטן פאַרגעשטעלט מיט זיך איין מעכטיקן כח, פאַרטרעטנדיק אַלע שיכטן פון די אידן אין אַמעריקע, וואָלט אַט־דער אַקט געקומען אַ סך פריער? אַט־דער איצטיקער אַקט פון דער רוזוועלט־רעגירונג ווייזט בלויז נאָכאַמאָל ווי דרינגענדיק עס איז אייניקייט צווישן די אידישע מאַסן.

II. די בויאונג פונעם פאָלקס־פראָנט צווישן די אידישע מאַסן

וואָס האָבן מיר דערגרייכט אַפן געביט פון פאַראייניקן די אידישע פאָלק־מאַסן אין אַמעריקע קעגן אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם זינט אונדזער לעצטער קאָנווענשאָן? וואָס פאַר אַ ראָל האָט דער אָרדן געשפּילט אין דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און פאַר דער פאַרטיידיקונג פון אידישע רעכט איבער גאָר דער וועלט? ווי ווירקזאַם איז געווען אונדזער באַוועגונג קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם? לאָמיר זיך אָפּגעבן אַ גענויעם חשבון וועגן דעם.

די פענסילווייניע קאָנפערענץ

גלייך נאָך אונדזער דריטן צוזאַמענפאָר, אין יוני 1935, האָבן זיך דער־טראָגן צו אונדז אין די פאַראייניקטע שטאַטן די שרעקלעכע וויי־געשרייען פון די אידן אין דייטשלאַנד, וואָס האָבן זיך געצאַפּלט אונטער דער היטלער־פויסט. אין דעם אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַמעריקע האָבן זיך אָנגעהויבן הערן שטימען, אַז מען דאַרף עפּעס טאָן, אַז דער פאַראייניקטער פּראָטעסט פון די 4 מיליאָן אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן זאָל דערהערט ווערן אין דייטשלאַנד. די אַנטי־נאַצי פעדעראַציע האָט דעריבער אָנפאַנג יולי גערופן אַ קאָנפערענץ, צו וועלכער עס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן אַ גרויסע צאָל נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן, מיט דעם צוועק צו באַטראַכטן, וואָס עס קען געטאָן ווערן אין איצטיקן מאָמענט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון די אידן אין דייטשלאַנד. דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס האָט געשיקט אַ באַ־אָבאַכטער צו דער קאָנפערענץ און האָט אויך דורך אַ צושריפט דערקלערט, אַז ער פאַררופט דעם 22טן יולי אַ קאָנפערענץ פון אַלע אידישע אָרגאַני־זאַציעס פאַר דעם זעלבן צוועק אין פענסילווייניע האָטעל און וועט דעריבער זיך ניט באַטייליקן אין דער אַנטי־נאַצי קאָנפערענץ.

אונדזערע אָרדן־פאַרטרעטער האָבן דאַן פאָרגעשלאָגן, אַז די אַנטי־נאַצי קאָנפערענץ זאָל ענטפערן דעם אַמעריקאַנעם אידישן קאָנגרעס, אַז מיר זיינען ווילִיק צו באַטייליקן זיך אין דער קאָנפערענץ וואָס ער רופט, ווייל מיר האַלטן, אַז אין איצטיקן מאָמענט טאָרן די כחות ניט צעטיילט ווערן און מיר שלאָגן פאָר, אַז דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס זאָל איינלאַדן אַלע אידישע אָרגאַני־זאַציעס, אַריינגערעכנט דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, כדי עס זאָל קענען דורכגעפירט ווערן אַן אַקציע, וואָס זאָל אָפּקלינגען אין אַמעריקע און איבער דער גאַנצער וועלט.

דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון דער אַנטי־נאַצי קאָנפערענץ. די קאָנפערענץ אין פענסילווייניע האָטעל איז געווען איינע פון די גרעסטע אין דער געשיכטע. איבער 2,000 דעלעגאַטן פון אַלע ריכטונגען און שיכטן פון אידישן פאָלק זיינען דאָרט געווען פאַרטראָטן. לײַדער איז בײַ דער קאָנפערענץ פאָרגעקומען אַן אומאָנגענעמער אינצידענט, וואָס האָט געדראָעט אָפּצוברעכן די קאָנפערענץ, און וועלכן די רעאַקציאָנערע עלעמענטן, וואָס זיינען אַלעמאָל געווען קעגן פאַראייניקטער אַקציע, האָבן געזוכט מיט אַלע כחות אויפצובלאָזן, כדי ניט צו דערלאָזן צו אַ פאַראייניקטן פראָנט.

דאָס וואָס די רעאַקציאָנערע עלעמענטן האָבן ניט דערגרייכט אין פענ־סילווייניע האָטעל גופא האָבן זיי געזוכט צו דערגרייכן נאָך דער קאָנפערענץ: זיי האָבן ניט דערלאָזט, אַז די באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ זאָלן דורכ־געפירט ווערן.

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן, צוזאַמען מיט אַ גאַנצער ריי אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, האָט געטאָן אַלץ כדי געטריי צו פאַרווירקלעכן די באַשלוסן פון יענער קאָנפערענץ אין לעבן. עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן

אייניקע זייער דערפֿאָלגרייכע דעמאָנסטראַציעס פֿאַר די דייטשע קאָנסולאַטן. מיר האָבן דורכגעפֿירט מאַסן־פּיקעטינג פֿאַר אַ גאַנצער ריי געשעפֿטן, וועלכע האָבן פֿאַרקויפֿט דייטשע סחורות. מיר האָבן אָנטיילגענומען אין דעם פֿאָלק־פּאַראַד אין ניו יאָרק, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט טויזנטער און וואָס האָט געלאָזן אַ טיפֿן איינדרוק. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אָט־די אַקציעס וואָלטן געווען פֿיל ווירקזאַמער ווען זיי וואָלטן דורכגעפֿירט געוואָרן פֿון אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער פּענסילוויניע־קאָנפֿערענץ.

ערשטער אַלוועלטלעכער אידישער קאָנגרעס

אין אָנפֿאַנג יאָר 1936 איז באַוואוסט געוואָרן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אַז דער פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט פֿון דעם אַלוועלטלעכן אידישן קאָנגרעס, וואָס געפֿינט זיך אין פּאַריז, קלייבט זיך ענדלעך צוזאַמענצורופֿן דעם ערשטן אַלוועלטלעכן אידישן קאָנגרעס אין זשענעווע אָף זומער פֿון 1936. דער רוף פֿון קאָמיטעט האָט פֿאָרמולירט די פֿאָלגנדע פּראָגראַם פֿאַר דעם קאָנגרעס:

1. צו באַשיצן די ציווילע, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און רעליגיעזע רעכט פֿון די אידן אין די לענדער, וואו די רעכט ווערן באַ זיי צוגענומען.
2. צו קאָאָפּערירן מיט אַנדערע אידישע קערפּערשאַפֿטן פֿאַר דער פֿאַר־טיידיקונג פֿון די נאַציאָנאַלע רעכט פֿון די אידן אין די לענדער וואו די רעכט ווערן אָנערקענט אָדער וואו זיי זיינען אַ טייל פֿון געזעץ.
3. צו קעמפֿן פֿאַר גלייכהייט פֿאַר אידן אין אַלע לענדער און צו העלפֿן אין אַלע פֿאַלן פֿון אומגערעכטיקייט, שוועריקייטן אָדער ליידן וואָס אידן מוזן אויסשטיין, דערפֿאַר ווייל מען נעמט באַ זיי צו זייערע לעגאַלע רעכט.
4. צו קעמפֿן קעגן עקאָנאָמישער דיסקרימינאַציע קעגן אידן, סיי אין אַמעריקע און סיי אין אויסלאַנד, בייצוטראָגן צו דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג פֿון אידישן לעבן דורך העלפֿן אין דער גרינדונג פֿון עקאָנאָמישע און קולטורעלע אינסטיטוציעס, וועלכע זאָלן דינען דעם צוועק.
5. צו קאָאָפּערירן מיט אידן אין אַנדערע לענדער צו אָרגאַניזירן אַן אַגענטור, וועלכע זאָל רעדן און האַנדלען אין די אינטערעסן פֿון גאַנצן אידישן פֿאָלק, צו שטיצן דעם קאָמיטעט פֿון אידישע דעלעגאַציעס און אַקציעס אין זשענעווע און אין אַנדערע ערטער און צו קאָאָפּערירן אין דער אָרגאַניזירונג פֿון אַ אידישן וועלט־קאָנגרעס אָף אַ דעמאָקראַטישער באַזע.

פֿון אָט־דער פּראָגראַם און פֿון די דערקלערונגען, וואָס זיינען אַרויס־געגעבן געוואָרן פֿון דעם אַלוועלטלעכן אידישן קאָנגרעס, און פֿון דעם אַמערי־קאַנעם אידישן קאָנגרעס, האָט אויסגעזען, אַז זייערע פֿירער זיינען אָף אַן אמת פֿאַראינטערעסירט, אַז באַ דעם ערשטן אַלוועלטלעכן אידישן קאָנגרעס זאָלן זיין פֿאַרטראָטן אַלע שיכטן פֿון די אידן איבער דער גאַנצער וועלט. מיר ווילן זיך באַנוגענען מיט בלויז אַ קורצן אויסצוג פֿון אַן אַרטיקל פֿון דעם

פרעזידענט פון דעם אמעריקאנעם אידישן קאנגרעס, דר. סטיפען ווייז, אין דעם „טאג" פון 7טן מאי, 1936:

„דער צונויפקום פון אידן פון כלערליי שאטירונגען און כלערליי פאליטישע איבערצייגונגען איז דער בעסטער ענטפער צו די שקרים פון די, וואס טענהן אז אלע אידן זיינען אדער קאמוניסטן אדער קאפיטאליסטן. פאראן צווישן אידן אי קאמוניסטן אי קאפיטאליסטן, פונקט ווי עס זיינען פאראן אידישע ליבעראלן און אויך אידישע „ליבערטי־ליגערס". כל זמן א איד זאגט ניט מיטן פולן מויל, אז ער הערט אויף צו זיין א איד, קען ער זיך ניט ארויסציען פון קרייז פון אידישן לעבן."

אינעם זעלבן נומער „טאג" איז אויך פארעפנטלעכט געווארן א רוף צו די פוילישע אידן פון דעם ציטוויילנדיקן קאמיטעט אין פוילן. אין יענעם רוף ווערט צווישן אנדערעם געזאגט:

„דעריבער רופן מיר אלע פאליטישע פארטייען און ארגאניזאציעס, אלע סאציאלוויסנשאפטלעכע ארגאניזאציעס, אלע גרופן און קלאסן זיך צו זאמלען ארום אידישן וועלט־קאנגרעס, ארום דעם ארגאן פון זעלבסטשוץ און פארטיידיקונג, פון אויפבוי און פאזיטיווער ארבעט, פון קאמף פאר מענטשלעכע און נאציאנאלע רעכט."

פון די אומצאליקע אנדערע ארטיקלען האט מען געקענט מיינען, אז די פראגרעסיווע כחות אינעם אלוועלטלעכן אידישן קאנגרעס און אין אמעריקאנעם קאנגרעס האבן די אויבערהאנט און אז זיי וועלן אף אן אמת פארווירקלעכן די אידיע פון באשאפן א פאראייניקטע קערפערשאפט פון די אידישע מאסן. ליידער מוזן מיר אבער היינט פעסטשטעלן, אז ניט די פראגרעסיווע כחות אינעם אמעריקאנעם קאנגרעס האבן געזיגט, און אלס רעזולטאט פון דעם, האט דער אמעריקאנער קאנגרעס ניט צוגעלאזן דעם ארדן און א גאנצע ריי אנדערע נאציאנאלע קערפערשאפטן צו דער וואשינגטאנער קאנפערענץ, וואס האט געדארפט דערוויילן דעלעגאטן צום אלוועלטלעכן אידישן קאנגרעס.

די נאציאנאלע עקזעקוטיווע פון דער אידישער סעקציע פון ארדן האט גענומען די איניציאטיווע צוזאמענצורופן א צאל נאציאנאלע ארגאניזאציעס מיט דעם צוועק צו באטראכטן וואס אונדזער ווייטערדיקע שטעלונג זאל זיין. עס זיינען זיך צוזאמענגעקומען דער דזשאינט קאונסיל פון דער פאריערס יוניאן, דער פיינטערס דיסטריקט קאונסיל 9 פון ניו יארק, דער מוזיקאלישער ארבעטער־פארבאנד, דער איקאר, די נאציאנאלע שול־קאמיסיע פון ארדן און זיי האבן באשלאסן צו רופן א קאנפערענץ פון אלע ארגאניזאציעס, וואס זיינען ניט צוגעלאזן געווארן צו דער וואשינגטאנער קאנפערענץ פארן אלוועלטלעכן אידישן קאנגרעס. דער ארדן איבערן גאנצן לאנד האט געשפילט זייער א וויכטיקע ראל אין העלפן צוזאמענברענגען די קאנפערענץ, וואס איז פארגעקומען אין יולי. בא דער קאנפערענץ זיינען געווען פארטראטן 507 אר־

גאַניזאַציעס, מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 133,769. די קאָנפערענץ האָט דערוויילט אַ דעלעגאַציע צום אַלוועלטלעכן אידישן קאָנגרעס, אין וועלכער עס האָבן זיך אויך געפונען צוויי פאַרטרעטער פון אָרדן, די חברים ווײנער און זאַלצמאַן.

באַ דעם וועלט־קאָנגרעס גופא אין זשענעווע האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ דראַמאַטישער קאַמף. אַ גרויסע צאָל פּראָגרעסיווע כחות האָבן געקעמפּט ניט צו דערלאָזן, אַז אינעם איצטיקן שווערן מאָמענט אין לעבן פון אידישן פאָלק זאָל דער ערשטער אַלוועלטלעכער אידישער קאָנגרעס וואַגן אויסצושליסן דעלעגאַטן דערפאַר, ווייל זיי האָבן אַן אַנדער שטאַנדפּונקט פון די ציוניסטן, וועלכע זיינען געווען די הויפּט־פירער פונעם קאָנגרעס. אָבער לײדער זיינען די פּראָגרעסיווע כחות געווען אַ מינאָריטעט. אמת, פון די 250 דעלעגאַטן האָבן זיך דאָך געפונען 21 וועלכע האָבן אָפּן געשטימט קעגן דעם פאָרשלאַג ניט צוצולאָזן די 5 דעלעגאַטן פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער און פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס. נאָך וויכטיקער איז געווען דער פאַקט, וואָס איבער 70 דעלע־גאַטן האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען. אַלע האָבן געוואוסט, אַז די 70 האָבן ניט געוואָלט ברעכן דעם באַשלוס פון דעם קאָקוס פון די ציוניסטן, און האָבן זיך אונטערגעגעבן די סטראַשונקעס פון דער אַמעריקאַנער ציוניס־טישער דעלעגאַציע. אָבער דאָך האָבן זיי ניט געוואָלט גוטהייסן אָט־דעם שענדלעכן אַקט און האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען.

אונדזער דעלעגאַציע באַם וועלט־קאָנגרעס איז געווען אַ ווירדיקע. זי האָט פאַרטראָטן ניט נאָר די 133 טויזנט אידן אין אַמעריקע וואָס האָבן זיי געשיקט, נאָר אָן ספק אויך הונדערטער טויזנטער אידן אין אַנדערע לענדער, וועלכע האָבן צוליב די מאַנעווערעס פונעם רעאַקציאָנערן פליגל פון דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע ניט געקענט זיין פאַרטראָטן באַ דעם אַלוועלטלעכן קאָנגרעס. אין דער דערקלערונג, וואָס אונדזערע 5 דעלעגאַטן האָבן אַרויס־געגעבן אַף מאָרגן, נאָך דעם ווי עס איז געפּאַסט געוואָרן דער באַשלוס זיי ניט צוצולאָזן — אַ דערקלערונג, וועלכע איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין צענדליקער צייטונגען אין אַלע לענדער — האָט זיך געזאָגט:

„מיר האָבן געהאַט דאָס רעכט צו דערוואַרטן, אַז דער אידישער וועלט־קאָנגרעס וועט ניט האַנדלען אַזוי שענדלעך און אַזוי ענג פּאַרטײ־איש ווי עס האָט געהאַנדלט דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס. לײדער האָבן מיר געהאַט אַ טעות. די זעלבע כחות, וואָס האָבן געטריבן צו אַ שפּאַלטונג און אַן אָפּשוואַכונג אין אַמעריקע, האָבן דאָמינירט אויך דעם שיקזאַל פון וועלט־קאָנגרעס.

„מיר זיינען געקומען קיין זשענעווע האָפנדיק, אַז אונדזער פאַל איז בלויז אַ טרויעריקער אויסנאַם. דערוואוסט האָבן מיר זיך, אַז די זעלבע ענג־פּאַרטייאישע און דיסקרימינאַטאָרישע פּאָליטיק איז געטריבן געוואָרן פון די זעלבע עלעמענטן אין אַ ריי אַנדערע לענדער. אָט־די פּאָליטיק האָט געמאַכט אוממעגלעך שוין פון סאַמע אָנהייב פאַר די וויכטיקע פּאָלקס־אָרגאַניזאַציעס אין פראַנקרייך אָנטיילצונעמען אין

דער ארבעט פון קאָנגרעס. מיר האָבן קאָפּיעס פון שאַרפע פּראָטעסטן מצד וויכטיקע אידישע אָרגאַניזאַציעס פון ליטע, בעלגיע, בולגאַריע, אַרגענטינע און נאָך אַנדערע לענדער קעגן אויסשליסונגען און דיס־קרימינאַציעס. אפילו דעם איינציקן דעלעגאַט פון אוראַגוואַי, דער איינציקער פון דעם וועלט־קאָנגרעס, וועלכער איז דערוויילט געוואָרן דורך אמתע דעמאָקראַטישע וואַלן, האָט איר אויסגעשלאָסן דאָ אין זשענעווע, נאָר דערפאַר, ווייל איר האָט אים חושד געווען אין פּאָ־ליטישער ניט־כשרקייט.״

פאַרענדיקט האָט זיך די דערקלערונג מיט אַ שטאָלצער און ווירדיקער פאָדערונג:

„מיר רופן אייך נאָכאַמאָל אַוועקצואוואַרפן די ענג־פּאַרטייאיש־קייט. מיר פאָדערן פון אייך, אַז איר זאָלט שטעלן די אינטערעסן פון די אידישע פאָלק־מאַסן העכער ווי די אינטערעסן פון אַ פּאַרטיי. זאָל לעבן דער ברייטסטער פאָלקס־פראָנט פאַר דער באַשיצונג פון די רעכט און לעבנס פון די אידן אין דער גאַנצער וועלט!״

די אָרגאַניזירונג פון פאָלקס־קאָמיטעט

ווען אונדזער דעלעגאַציע איז צוריקגעקומען קיין אַמעריקע און אָפּ־געגעבן באַריכטן אין די וויכטיקסטע צענטערן פון לאַנד, איז קלאָר געוואָרן, אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן דאַרף אויפגעבויט ווערן אַן אינסטרומענט, וואָס זאָל, פון איין זייט — ווייטער פּראָפּאַגאַנדירן די אידייע פון אַ גע־אייניקטן כח, און פון דער צווייטער זייט — זעלבסטשטענדיק אָנפירן אַקציעס פאַר דער פאַרטיידיקונג פון די אידישע מאַסן אין אַלע לענדער.

עס איז דערפאַר באַשלאָסן געוואָרן צו אָרגאַניזירן דעם אידישן פאָלקס־קאָמיטעט, וועלכער איז עטאַבלירט געוואָרן אַלס אַ צייטווייליקע קערפּערשאַפט בא דער קאָנפערענץ פון 12טן יולי, 1936, ווען עס זיינען דערוויילט געוואָרן די 5 דעלעגאַטן צום אַלוועלטלעכן אידישן קאָנגרעס אין זשענעווע.

די אָרגאַניזירונג פון דעם פאָלקס־קאָמיטעט איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע געשעענישן אין דעם לעבן פון די אידן אין אַמעריקע. און עס פרייט אונדז היינט צו באַריכטן פאַר אייך, חברים דעלעגאַטן, אַז די נאַציאָ־נאַלע עקזעקוטיווע פון אָרדן, די שטאַט־קאָמיטעטן און די ברענטשעס האָבן געשפּילט זייער אַ גרויסע ראָל אין דער אויפבויאונג פונעם פאָלקס־קאָמיטעט. אין דער בערך קורצער צייט, וואָס דער פאָלקס־קאָמיטעט עקזיס־טירט, עטוואָס איבער אַ יאָר, האָט ער דורכגעפירט אַ צאָל זייער באַדייטנדיקע אַקציעס פאַר דער פאַרטיידיקונג פון די אידן אין דייטשלאַנד. ער האָט גע־זאַמלט צענדליקער טויזנטער אונטערשריפטן פאַר געזעצן, וואָס זאָלן פאַרווערן אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע. דער מאַרש קיין וואַשינגטאָן, וואָס דער פאָלקס־קאָמיטעט האָט לעצטנס דורכגעפירט, האָט אויפגערודערט דאָס גאַנצע אידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן, האָט באַוויזן צו ברענגען טויזנטער דעלעגאַטן קיין

וואשינגטאָן פון אַלע עקן פון לאַנד, פון אַלע ריכטונגען אין אידישן לעבן, אָנפאַנגענדיק פון בתי־מדרשים און ענדיקנדיק מיט פאַרטרעטער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. דער מאַרש קיין וואשינגטאָן האָט געהאַט די ווירקונג, אַז די פירער פון דער רעגירונג האָבן צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן העלפן מיט אַלץ וואָס זיי קענען נאָר צו באַשיצן די רעכט פון די אידן אין פוילן.

דער לעצטער איינקייט־קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 12טן מערץ, 1938, איז געווען אַ צווייטער וויכטיקער שריט פאָרויס פאַר דער אויפבויאונג פונעם פאָלקס־פראָנט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. 963 אָר־גאַניזאַציעס, פאַרטרעטנדיק 262,436 אידן פון 32 שטעט און 14 שטאַטן, זיינען געווען פאַרטראָטן. אין אָט־דעם איינקייט־קאָנגרעס האָבן זיך באַ־טייליקט יוניאָנס, ברענטשעס פון אָרדן, לאַנדסמאַנשאַפטן, סאָסייעטיס, קינדער־שולן, בתי־מדרשים, קולטור־אָרגאַניזאַציעס, איקאָר־צווייגן, ברענ־טשעס פון אַרבעטער־רינג און אַנדערע. אַ צאָל פּראָמינענטע סענאַטאָרן און קאָנגרעסלייט, וואָס שפּילן אַ באַדייטנדע ראָל אינעם פּאָליטישן לעבן אין אַמעריקע, זיינען אויפגעטראָטן. צענדליקער דעלעגאַטן פון גאַנצן לאַנד, פאַרטרעטער פון בתי־מדרשים, סאָסייעטיס, אַרבעטער־רינג ברענטשעס האָבן פעסטגעשטעלט, אַז די איינציקע קערפּערשאַפט, וואָס איז אויף דער וואַך פאַר די אידישע מאַסן, די איינציקע קערפּערשאַפט וואָס טרייבט אָפּטמאָל סיי דעם אַמעריקאַנעם קאָנגרעס סיי דעם אַרבעטער־קאָמיטעט צו אַקציע, איז דער אידי־שער פאָלקס־קאָמיטעט.

דער ניי־דערוויילטער פאָלקס־קאָמיטעט האָט גלייך באַ זיין ערשטער זיצונג אונטערגענומען אַ ברייטע אַקציע פאַר די אידן אין עסטרייך און אין דייטשלאַנד. אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע איז געשיקט געוואָרן צום לייבאָר־דעפּאַרטמענט און סטייט־דעפּאַרטמענט אין וואשינגטאָן אויפצונעמען די פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט, אַז דער קאָנגרעס זאָל דורכפירן אַ ספּעציעלן געזעץ אָדער געמיינשאַפטלעכע רעזאָלוציע אַריינצולאָזן אַלע פּאָליטישע פאַר־פאָלגטע איבער דער קוואָטע. דאָס איז פאָרגעקומען אַ וואָך צייט איידער פּרעזידענט רוזוועלט איז אַרויסגעקומען מיט זיין וויכטיקן רוף צו העלפן די פאַרפאָלגטע אידן פון דייטשלאַנד און עסטרייך. דער אידישער פאָלקס־קאָמיטעט גרייט איצט צו אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע, וואָס וועט די טעג פאָר־געבראַכט ווערן פאַרן קאָנגרעס און סענאַט. דער קאָמיטעט אָרגאַניזירט אַ ברייטע באַוועגונג איבערן גאַנצן לאַנד פון אַלע אידישע און ניט־אידישע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס צו העלפן אונטערשטיצן אָט־דעם וויכטיקן ביל פאַר די אידישע מאַסן.

חברים דעלעגאַטן: דערציילנדיק אייך אָט־דעם קאַפּיטל ווילן מיר נאָכאַמאָל אונטערשטרייכן, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס מיר האָבן פאַרצייכנט זייער וויכטיקע דערגרייכונגען אויף דעם געביט, האָבן מיר אָבער נאָך זייער ווייט צו גיין. קיינער פון אונדזערע דעלעגאַטן, קיינער פון אונדזערע ברענטשעס טאָר זיך ניט באַנוגענען מיט דעם וואָס מיר האָבן ביז איצט דערגרייכט. אונדזער שטרעבונג צו פאַראייניקן דאָס אידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן דאַרף און קען פאַרפילט ווערן. די אַרבעט פון בויען

א ברייטן אידישן פאָלק־פראָנט אינעם איצטיקן מאָמענט איז א פראגע פון לעבן און טויט פאַר די אידישע מאַסן אין אַלע לענדער. עס איז א פראגע פון לעבן און טויט פאַר די אידישע מאַסן אין די פאראייניקטע שטאַטן. בלויז א פאראייניקונג פון אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס מיט די ניט־אידישע פראָגרעסיווע כחות אין די פאראייניקטע שטאַטן וועט זיין בכח אָפּצושטעלן דעם וואוקס פון אַנטיסעמיטיזם.

מיר טאָרן ניט פארגעסן, אַז כאָטש דער אידישער פאָלקס־קאָמיטעט איז אין משך פון זיין עקזיסטענץ שטאַרק אויסגעוואַקסן און נעמט ארום איצט א גרויסע צאָל אידישע אַרבעטער־ און פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, דאַרף דאָך אונדזער אידישע סעקציע ווייטער, ווי ביז איצט, שפּילן א וויכטיקע ראָל באַם העלפן אויפבויען אָט די ברייטע פאָלקס־פּאָזיציע פאַר דער פארטיידיקונג פון אונדזערע רעכט און אונדזער לעבן. מיר רופן די ברענטשעס אוועקצושטעלן די בויאונג פונעם פאָלקס־קאָמיטעט, דאָס דורכפירן די אַקציעס פון פאָלקס־קאָמיטעט אַלס זייער צענטראַלע אויפגאַבע נאָכן צוזאַמענפאָר. מיר זיינען געווען די אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אויפגעהויבן די פאָן פון פאָלקס־פראָנט אינעם אידישן לעבן. לאָמיר ניט מיד ווערן ביז מיר וועלן אונדזער ציל פארווירקלעכן.

III. אייניקייט אין דער פראַטערנאַלער באַוועגונג

אונדזער פּאָליסי פון אייניקייט דרינגט ארויס פון אונדזערע פרינציפּן גופא, פון דעם סאַמע נאָמען „אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער אָרדן”. לאָמיר ניט פארגעסן, אַז גלייך באַ זיין גרינדונג האָט דער אָרדן אָנגעהויבן צו מאַכן פארזוכן צו פאראייניקן זיך מיט אַנדערע ארבעטער פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, און אין די ערשטע דריי יאָר פון זיין עקזיסטענץ איז אים טאַקע געלונגען זיך צו פאראייניקן מיט די אונגארישע, סלאָוואַקישע און רוסישע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. אין די לעצטע יאָרן איז אָבער די נויטווענדיקייט פאַר אייניקייט אין דער פראַטערנאַלער באַוועגונג געוואָרן פיל דרינגענדיקער ווי ווען עס איז פריער. די געפאַר פון פאשיזם, מלחמה און אַנטיסעמיטיזם איז געוואָרן אַקטועל און דראָענדיק, און עס איז פאַר אונדז קלאָר געוואָרן, אַז צווישן אונדז און די פינצטערע כחות, וואָס ווילן פארשקלאַפן און פארניכטן די מענטשהייט, גייט אָן א יאָג־געוועט, און אַז כדי דער זיג זאָל זיין אויף אונדזער זייט מוזן מיר פאראייניקן די ארבעטער פראַטערנאַלע באַוועגונג וואָס שנעלער. מיר האָבן געמאַכט עטלעכע פארזוכן פאַר אייניקייט און פאַר פאראייניקטע אַקציעס מיטן ארבעטער־רינג, אָבער אָן דערפאָלג. אונדזער לעצטער צוזאַמענפאָר אין מאַי 1935 איז צופעליק אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דער זעלבער צייט מיטן ארבעטער־רינג צוזאַמענפאָר. אונדזער צוזאַמענפאָר האָט געשיקט א ספּעציעלן בריוו צום ארבעטער־רינג

צוזאַמענפֿאַר און פֿאַרגעשלאָגן, אַז ביידע אָרגאַניזאַציעס זאָלן פֿאַראייניקן זייערע כחות פֿאַר געמיינזאַמער אַקציע אַרום די פֿאָלגנדע דריי פּונקטן:

1) סאָציאַלע פֿאַרזיכערונג, 2) קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און פֿאַשיזם, 3) פֿאַרטיידיקונג פֿון די פֿרעמד־געבוירענע. מיר האָבן פֿאָרגעשלאָגן, אַז ביידע קאָנווענשאָנס זאָלן דערווײַלן קליינע סאַב־קאָמיטעס, וועלכע זאָלן אויפֿנעמען אָט־די דריי פֿראַגן און אויך אַנדערע, וועלכע דער אַרבעטער־רינג וועט געפֿינען פֿאַר נייטיק אויפֿצונעמען.

ווען אונדזער רוף איז אויפֿגענומען געוואָרן אויף דער קאָנווענשאָן פֿון אַרבעטער־רינג, האָבן אייניקע פֿירער פֿון אַרבעטער־רינג געזוכט צו אָרגאַני־זירן אַ וואַקכאַנאַליע קעגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן. ניט קוקנדיק אויף אַלע זייערע באַמיאונגען, האָבן אָבער 60 דעלעגאַטן געשטימט פֿאַר אָננעמען אונדזער רוף און פֿאַר געמיינשאַפֿטלעכע אַקציעס צווישן ביידע אָרדנס. נאָך מער, זייער אַ גרויסע צאָל דעלעגאַטן האָט זיך אָפּגעהאַלטן פֿון שטימען צוליב פֿאַרשטענדלעכע סיבות.

נאָך דער קאָנווענשאָן איז די פֿראַגע וועגן געאייניקטער אַקציע איבער־געטראָגן געוואָרן אין די בראַנטשעס און אין די שטעט. פֿון די באַריכטן וואָס מיר האָבן באַקומען פֿונעם גאַנצן לאַנד איז געווען צו זען, אַז אַ פֿיל גרעסערע צאָל בראַנטשעס, ווי די צאָל דעלעגאַטן פֿון אַרבעטער־רינג צוזאַמענפֿאָר וואָס האָט געשטימט פֿאַר אונדזער רוף האָבן פֿאַרטראָטן, האָבן אונטערשטיצט דעם רוף. אַ צאָל בראַנטשעס פֿון אַרבעטער־רינג האָבן אײַנגעשטעלט פֿאַרבינדונגען מיט די בראַנטשעס פֿון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן. לאַנדסמאַנשאַפֿט־בראַנטשעס האָבן זיך פֿאַראייניקט מיט לאַנדסמאַנשאַפֿט־בראַנטשעס און אָר־גאַניזירט הילף־קאָמיטעטן פֿאַר די אידן אין פּוילן, רומעניע, עסטרייך און אַנדערע לענדער. לאָמיר דאָ גראַטולירן אונדזערע בראַנטשעס און שטאָט־קאָמיטעטן מיט דעם פֿאַקט, וואָס צום ערשטן מאָל אינעם קאַמף פֿאַר אייניקייט אין דער פּראָגרעסיווער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען זיי געווען דערפֿאָלגרייך, ניט נאָר אין אַבסטראַקט פּראָפּאַגאַנדירן די אידייע פֿון אייניקייט, נאָר אין קאָנקרעטע אייניקייט־אַקציעס מיט שטאָט־קאָמיטעטן און בראַנטשעס פֿון אַרבעטער־רינג.

דער אָפֿענער בריוו צו דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פֿון אַרבעטער־רינג

דעם 20טן יאַנואַר, 1936, האָט די אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פֿונעם אָרדן אַרויסגעשיקט אַ בריוו צו 9 אַרבעטער פּראָגרעסיווע אָרדנס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. צווישן די 9 האָבן זיך געפֿונען צוויי אידישע אָרדנס, דער אַרבעטער רינג און דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פֿאַרבאַנד. אָט־דער בריוו האָט צום ערשטן מאָל אַוועקגעשטעלט די פֿראַגע וועגן אָרגאַניש פֿאַראייניקן די אַרבעטער פּראָגרעסיווע באַוועגונג. דער בריוו האָט צווישן אַנדערע זאַכן אָנגעוויזן, וואָס פֿאַר אַ קאָלאָסאַלע ראָל די אַרבעטער פּראָגרעסיווע באַוועגונג וואָלט געקענט שפּילן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן ווען די טויזנטער הונדערט

טויזנט מיטגלידער אין אַט־די 9 פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס וואָלטן זיך פאַראייניקט און וואָלטן אַלס זייער הויפּט־ציל אָוועקגעשטעלט פאַר זיך די אויפגאַבע צו פאַראייניקן די מיליאָנען מיטגלידער אין דער פּראָטער־נאַלער באַוועגונג אין אַמעריקע. דער ברוו האָט אָנגעוויזן, אַז ניט נאָר וואָלט אַזאַ אָרגאַניזאַציע געשפּילט זייער אַ וויכטיקע ראָל אינעם געזעל־שאַפטלעכן לעבן, נאָר אַז אירע פּראָטערנאַלע לייסטונגען וואָלטן געווען פיל גרעסערע און בעסערע ווי די איצטיקע. דער בריוו האָט אויך גערעדט וועגן דער מעגלעכקייט צו דערשלאָגן זיך אַ צאָל וויכטיקע באַשיצונג־געזעצן פאַר די אַרבעטער דאָ אין לאַנד, באַזונדערס אין די אינדוסטריעס וואו עס עקזיס־טירן אַ סך אינדוסטריעלע קראַנקהייטן. דער בריוו האָט פאָרגעשלאָגן, אַז אויב עס איז ניט מעגלעך גלייך צוטרעטן צו דער פראַגע פון אייניקייט, זאָל מען געפינען אַ וועג ווי אַזוי אָנצופירן געמיינשאַפטלעכע אַקציעס אַרום קאָנ־קרעטע אישוס.

פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד האָבן מיר באַקומען אַ קורצן אָפּזאָג, דערקלערנדיק אַז ביידע אָרגאַניזאַציעס שטייען אויף צוויי באַזונדערע פּלאַטפאָרמעס און דעריבער איז ניט מעגלעך קיין אייניקייט. צום סוף האָבן זיי געזאָגט, אַז אויב מיר ווילן ווערן ציוניסטן וועלן זיי זיך מיט אונדז דעמאָלט פאַראייניקן. פון דעם אַרבעטער־רינג האָבן מיר ניט באַקומען קיין ענטפער ביז היינט, כאָטש אונדזער בריוו איז אין אַרבעטער־רינג דיסקוטירט געוואָרן. די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון דער אידישער סעקציע האָט דאַן אונטערנומען אַן ענערגישע אויפקלערונג־קאַמפּאַניע איבער דער פראַגע פון אייניקייט און האָט אַרויסגעשיקט דעם נאַציאָנאַלן סעקרעטאַר אויף אַ לענגערן טור, ספּעציעל איבער אַט־דער פראַגע. אין די קאַרגע דריי צענדליק שטעט, וואָס איך האָב באַזוכט, אויפטרעטנדיק אויף מאַסן־מיטינגען, וועלכע עס האָבן באַזוכט אַ גרויסע צאָל מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג, האָב איך געפונען אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג אין די רייען פון די אַרבעטער־רינג מיטגלידער. איך מוז דאָ אָבער אויך פעסטשטעלן, אַז אין אונדזערע אייגענע רייען איז ניט געווען גענוג קלאָרקייט וועגן אַט־דער פראַגע. אַ סך פון אונדזערע חברים האָבן פון אָנפאַנג געטראַכט : צו וואָס דאַרפן מיר אייניקייט אין דער פּראָטערנאַלער באַוועגונג ? מיר האָבן דאָך אין אַזאַ קורצער צייט אויפגעבויט אַ פּרעכטיקן אָרדן, מיר האָבן אָנגעזאַמלט גרויסע רעזערוו־פאָנדן, מיר האָבן געצאָלט פּינקטלעך אונדזערע בענעפיטן. צוליב וואָס דאַרפן מיר איצט רעדן וועגן אייניקייט ? אייניקע חברים האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס פּראָפּאַגאַנדירן אייניקייט אין דער פּראָטערנאַלער באַוועגונג שוואַכט אָפּ אונדזער פּאָזיציע צווישן די ברייטע אידישע מאַסן. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז מען וועט דאַרפן העכערן די צאָלונגען, אויב מיר וועלן זיך פאַראייניקן. מיר קענען אָבער מיט זיכערקייט זאָגן, אַז אונדזערע טוער פאַרשטייען איצט די וויכטיקייט פון אייניקייט, אַז אַט־די פּראָבלעמען מוטשען זיי שוין היינט מער ניט, און אַז די פראַגע פון אייניקייט איז היינט צו טאָג זייער קלאָר פאַר אַלע אונדזערע מיטגלידער. אַלס רעזולטאַט פון דער גאַנצער קאַמפּאַניע זיינען אין אַ צאָל שטעט איינגעשטעלט געוואָרן ענגערע באַציאונגען צווישן די ברענטשעס פוי

ארבעטער־רינג און פון אָרדן. אין אַ צאָל קלענערע שטעט, וואו — אַלס אַן איבערבלייבעכץ פון דער שפּאַלטונג אין 1929 — מען איז נאָך אַלץ געווען אַף מעסער־שטעך, איז פאָרגעקומען זייער אַ גרויסע דערנעענטערונג. אַ צאָל ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג האָבן איינגעלאָדן ברענטשעס פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן אָפּצוהאַלטן זייערע מיטינגען אין זייערע קלוב־צימערן. אין אַ צאָל שטעט האָבן זיי אָנגעהויבן רעדן וועגן געמיינשאַפטלעכע קלוב־צימערן; אין אַ צאָל שטעט האָט מען זיך אָנגעפאַנגען צו דערנעענטערן אין קאַמף קעגן פאַשיזם, אַנטיסעמיטיזם און אַנדערע וויכטיקע פּראָבלעמען, וואָס זיינען נוגע דאָס לעבן פון די אידישע מאַסן.

געאייניקטע אַקציעס צווישן אָרדן און אַרבעטער־רינג ברענטשעס

אַ ביישפּיל פון דעם, וואָס מען קען אויפטאָן פאַראייניקטערהייט, האָט אונדז געגעבן לאָס־אַנדזשעלעס. זייער אַקציע האָט אויפגערודערט דאָס גאַנצע לאַנד. דער שטאָט־קאָמיטעט פון אַרבעטער רינג און פון אָרדן און אַלע אַנדערע טיילן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין שטאָט האָבן דורכגעפירט אַ צוויי־שטונדיקן גענעראַל־סטרייק, אַלס פּראָטעסט קעגן די פאַרפאָלגונגען אַף די פּוילישע אידן. עס זיינען צוגעמאַכט געוואָרן אַלע געשעפטן, אידישע אַרבעטער האָבן אָפּגעשטעלט זייער אַרבעט אין די פאַבריקן, מען האָט דורכגעפירט זאַמלונגען פאַר די אידן אין פּוילן, און אויב מיר מאַכן קיין טעות ניט, האָבן זיי צוגעטראָגן אַ סומע פון $10,000 צום אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט.

נאָך אַ מוסטער פון ערנסטקייט און איבערגעגעבענער אַרבעט אַפן געביט פון פאַראייניקטן פּראָנט איז דער בריסקער ברענטש 15 פון אָרדן. אָט־דער ברענטש איז אַרויסגעוואַקסן פון אַ שפּאַלטונג אין דעם ברענטש 286, אַרבעטער־רינג. די פאַראייניקטע אַרבעט צווישן די צוויי ברענטשעס האָט אָבער שנעל פאַרהיילט יענעם ריס און איצט, אַ דאַנק דער אַרבעט פוןביידע ברענטשעס, איז אויפגעבויט געוואָרן אַ פאַראייניקטע הילף־אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך כמעט אַלע בריסקער לאַנדסמאַנשאַפטן. זי האָט באַוויזן צו זאַמלען טויזנטער דאָלאַר צו העלפן די ליידנדיקע אין בריסק, און איז געוואָרן די פירנדיקע אָרגאַניזאַציע פון אַלע בריסקער לאַנדסמאַנשאַפטן אין ניו יאָרק און איבערן לאַנד. סיי דער אַרבעטער־רינג ברענטש און סיי דער אָרדן־ברענטש שפּילן אַן אָנגעזעענע ראָל אין אָט־דער אָרגאַניזאַציע. די דערנעענטערונג ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ שטאַרקער און די מיטגלידער פון ביידע ברענטשעס הויבן אָן אַלץ מער צו פילן די נויטווענדיקייט פון אַן אמתער פאַראייניקונג צווישן דעם אַרבעטער־רינג און דעם אָרדן.

איז פאַראייניקונג מעגלעך?

איך ווייס, אַז אַ סך פון אונדזערע חברים שטעלן אַוועק די פראַגע: וואָס טויג דאָס אַלץ, וואָס קען דאָס העלפן, אַז די פירערשאַפט פון דעם אַרבעטער־רינג איז פאַרביטערט און טוט אַלץ אין דער וועלט ניט צו דערלאָזן

קיין פאראייניקטע אקציעס, שוין אפגערעדט פון פולער פאראייניקונג? ווייל איך צו די חברים זאגן: אונדז זיינען באקאנט א סך פירער פון טרייד־יוניאנס, וועלכע האבן זיך געשטעלט קעגן אייניקייט, און דאך איז די אייניקייט צושטאנד געקומען און ווען ס'איז פארגעקומען די פאראייניקונג, האבן אפילו אט־די פירער איינגעזען ווי נויטווענדיק זי איז. וואס מער די ברייטע מיטגלידערשאפט פון ארבעטער־רינג וועט איינזען די נויטווענדיקייט פון אייניקייט, אלץ מער וועלן אויך די פירער פון ארבעטער־רינג פארשטיין, אז א פאראייניקטע פראטערנאלע באוועגונג איז אין די אינטערעסן פון זייער מיטגלידערשאפט. און אפילו די פירער פון ארבעטער־רינג, וועלכע זיינען איצט צוליב פאליטישע מאטיוון פאראינטערעסירט אנצוהאלטן די צעטיילט־קייט, וועלן אויך מוזן נאכגיין דעם אלגעמיינעם שטראם און דורכפירן דעם ווילן פון דער ברייטער מיטגלידערשאפט. די פראגע איז בלויז: מיר מוזן ניט נאכלאזן אין אונדזער אייזן־פעסטער איבערצייגונג, אז אייניקייט מוז און קען דערגרייכט ווערן! מיר דארפן מיט מער עקשנות אנגיין מיט דער ארבעט און מיר וועלן סוף כל סוף אונדזער ציל דערגרייכן.

מיר האבן אין אונדזער ארדן פאראייניקט די אידישע, אונגארישע, סלאוואקישע און רוסישע פראטערנאלע ארגאניזאציעס. די אייניקייט איז געווען א ברכה פאר אלעמען. אויב מיר האבן געקענט אף א דערפאלגרייכן אופן פאראייניקן ארגאניזאציעס פון באזונדערע פראטערנאלע גרופן, מיט באזונדערע שפראכן, מיט באזונדערע קולטורן, איז ניטא קיין אורזאך פארוואס מיר זאלן ניט זיין בכח צו פאראייניקן דעם ארבעטער־רינג מיטן אינטער־נאציאנאלן ארבעטער ארדן.

IV. דאס ארגאניזאציאנעלע לעבן אין ארדן

לאמיר זיך צוערשט אפשטעלן אף דעם וואוקס פון דער אידישער סעקציע. ווען דער באריכט ווערט געשריבן, האבן מיר נאך ניט די רעזולטאטן פון די לעצטע 20 טעג פון דער מיטגלידער־קאמפאניע. מיר ווייסן די ציפערן בלויז ביז דעם 4טן אפריל, ד. ה., פונקט דריי יאר זינט אונדזער לעצטן צוזאמענפאר, דעם ערשטן אפריל, 1935. דער באריכט בא יענעם צוזאמענ־פאר האט אנגעגעבן, אז די אידישע סעקציע האט דעם 1טן אפריל פארמאגט 22,520 מיטגלידער. דעם 25סטן אפריל, 1938, פארמאגט די אידישע סעקציע 36,041 מיטגלידער. דאס מיינט א נעטער צוואוואוקס פון 13,521 מיט־גלידער.

דער וואוקס פון דער אידישער סעקציע

ווי איז דער וואוקס געגאנגען יאר נאך יאר? אין די אכט חדשים, פון דעם 1טן אפריל 1935 ביז דעם 1טן יאנואר 1936, האט די אידישע סעקציע אריינגענומען 9,807 מיטגלידער. אין די זעלבע חדשים האבן מיר אויס־

געשלאָסן בלויז 3,191. מיר האָבן אויך אַרויסגעטראַנספערירט צו דער ענג־לישער סעקציע 427 מיטגלידער.

אַ גאַנץ אַנדער בילד באַקומען מיר אָבער אין יאָר 1936. אין גאַנצן יאָר 1936 האָבן מיר אַריינגענומען 12,307 מיטגלידער. דערפאַר האָבן מיר אָבער אויסגעשלאָסן 7,071 מיטגלידער. צו דערצו האָבן מיר אַרויסגעטראַנס־פערירט 699 מיטגלידער צו דער ענגלישער סעקציע. (מען טאָר ניט פאַרקוקן דעם פאַקט, אַז אַרום 2,000 אָדער 2,500 מיטגלידער זיינען פאַר־לוירן געגאַנגען צוליב דעם, וואָס אָנפאַנג יאַנואַר 1936 איז די אידישע סעק־ציע איבערגעגאַנגען אַף מאַנאַטלעכע צאָלונגען.)

אָבער נאָך ערגער איז געווען די לאַגע פון דער אידישער סעקציע אין יאָר 1937. אין משך פון גאַנצן יאָר האָבן מיר אַריינגענומען מיט 4,105 מיטגלידער ווינציקער ווי אין יאָר 1936 — סך הכל 8,202 מיטגלידער. דער־פאַר האָבן מיר אין 1937 אויסגעשלאָסן גאַנצע 8,063 מיטגלידער. ווען איר וועט נאָך צורעכענען די 530 אַרויסטראַנספערירטע צו דער ענגלישער סעקציע, מאַכט עס אויס אַ נעט פאַרלוסט פון 8,593. פון וואַנען האָט זיך גענומען אין יאָר 1937 אַזאַ גרויסע צאָל אויסגעשלאָסענע? פאַרוואָס זיינען מיר אין יאָר 1937, מיט אַ גרעסערער צאָל מיטגלידער, דאָך ניט געווען בכח צו פאַרגרעסערן אונדזער מיטגלידערשאַפט? אמת, מיר קענען געפינען אורזאַכן. איין אורזאַך — אין דער צאָל אויסגעשלאָסענע פון יאָר 1937 געפינען מיר 3,823, וועלכע זיינען אין דער אמתן קיינמאָל קיין מיטגלידער אין אָרדן ניט געווען. זיי זיינען רעקרוטירט געוואָרן אין דער באַרימטער קאַמפּאַניע, ווען אַ גרויסע צאָל אַקטיוויסטן האָבן זיך געיאָגט צו געווינען אַ רייזע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. די ניי־רעקרוטירטע מיטגלידער האָבן אָבער קיינמאָל קיין איין סענט מיטגלידער־אָפּצאָל ניט איינגעצאָלט, ניט אין דעם ברענטש און ניט אין נאַציאָנאַלן אָפיס, אַ סך פון זיי האָבן אפילו ניט באַצאָלט זייער איינטריט־געלט. די צווייטע אורזאַך, וואָס מען קען געפינען, איז אַז מיר האָבן אין יאָר 1937 ניט געפירט קיין מיטגלידער־קאַמפּאַניע. מיר האָבן עפּעס יאָ דערקלערט אומלעגאַל אַ מיטגלידער־קאַמפּאַניע אין די חדשים אָקטאָבער, נאָוועמבער און דעצעמבער, אָבער אין דער אמתן איז קיין קאַמפּאַניע ניט אָנגעפירט געוואָרן.

אויבנאויפיק ווייזן די צוויי פאַרענטפערונגען אויס צו זיין גאַנץ צופרידנ־שטעלנדיק. אָבער ווען מיר באַטראַכטן זיי ערנסט, מוזן מיר קומען צום שלוס, אַז ניט קוקנדיק אַף אַלע תירוצים, וואָס מיר וועלן געפינען פאַר זיך, איז דאָך די דערשיינונג געווען איינער פון די גרעסטע דורכרייסן אין אונדזער אַרבעט. ס'איז אפשר אַ ביסל צו טייער רבי־געלט, אָבער עס לערנט אונדז זייער אַ סך. ערשטנס, לערנט עס אונדז, אַז מיר טאָרן קיינמאָל ניט איבער־חזרן אַזאַ מין סאָרט רעקרוטירן פון מיטגלידער. מיר מוזן זייער קלאָר געדענקען, אַז דורכגיין אַ דאָקטאָר־עקזאַמען מיינט נאָך ניט ווערן קיין מיט־גליד אין אָרדן. ערשט נאָכדעם ווי איינער איז דורכגעגאַנגען דעם דאָקטאָר, דאַרפן מיר אים אַרייננעמען אין אונדזער משפּחה. ער דאַרף זיך דערפילן ווי אַ חבר, וואָס קומט אַריין אין אַ גרויסער, פּראַכטפולער פראַטערנאַלער

משפּחה. מיר דאַרפֿן אים דערנענטערן צו אונדז, דערציילן אים וועגן די אויפֿטואונגען פֿון אונדזער אָרדן, באַקענען אים מיט די פּרינציפּן פֿון אונדזער אָרדן. ערשט דעמאָלט וועט ער ווערן אַ מיטגליד. דער ניי־רעקרוטירטער דאַרף דערפֿילן — און מיר שטרייכן אונטער דעם פֿילן — אַז ס'איז אַ יום־טובדיקע געשעעניש אין זיין לעבן, ער האָט צוגעקומען נייע פֿריינט. זיי פֿרייען זיך מיט אים. ס'איז זיין יום־טוב, זיין פֿרייד!

אויב מיר וועלן דאָס ניט פֿאַרשטיין, טייערע חברים, וועט אונדזער אַרבעט ליידן. וויפֿיל מי, וויפֿיל ענערגיע האָט אונדז געקאָסט אַריינצונעמען אָט־די פֿיר טויזנט מיטגלידער! און נאָך אונדזער גאַנצער אַרבעט, נעמען מיר און מיר לאָזן זיי אָפּ הפקר.

און דער צווייטער תירוץ: מיר האָבן ניט געפֿירט קיין מיטגלידער־קאַמפּאַניע אין יאָר 1937. עס איז אמת, אַז מיר האָבן קיין קאַמפּאַניע ניט געפֿירט. אָבער אַפֿילו אָן אַ קאַמפּאַניע, איז דען ניט מעגלעך, אַז יעדער ברענטש זאָל אַריינגעמען כאָטש איין מיטגליד אַ וואָך? שטעלט אייך פֿאָר, חברים, אַז ווען מיר וואָלטן אַריינגענומען דורכשניטלעך צו איין מיטגליד אַ וואָך אין יעדן ברענטש וואָלטן מיר דאָך געהאַט 250 מיטגלידער אַ וואָך אָדער 13,000 אַ יאָר! עס איז דאָך כמעט ניט שיין צו רעדן וועגן איין מיטגליד אַ וואָך, ווען מיר פֿאַרמאָגן ברענטשעס מיט 200, 300, 400 און 500 מיטגלידער. באַרעכנט נאָר, חברים, מיר וואָלטן דאָך געקומען צו אונדזער הייַנטיקן צוזאַמענפֿאָר מיט 50,000 מיטגלידער.

מיר האָבן אָנגעפֿאַנגען דעם קאַפּיטל מיט אָט־דעם דורכרייס, פּשוט דערפֿאַר, ווייל מיר פֿילן, אַז דער דורכרייס האָט ניט געטאָרט פֿאַרקומען. מיר האָבן געמאַכט אַ באַדייטנדיקן טריט פֿאָראויס אין דער אידישער סעקציע, אויפֿן קולטורעלן געביט, אויפֿן פֿאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכן געביט און אויך אויפֿן אָרגאַניזאַציאָנעלן געביט. און טאַקע דערפֿאַר איז דער פֿאַרדראָס נאָך שטאַרקער. טאַקע דערפֿאַר דאַרפֿן מיר אַלאַרמירן דעם גאַנצן אָרדן וועגן דעם. טאַקע דערפֿאַר דאַרף די פֿראַגע געבראַכט ווערן צו די ברענטשעס אין איר פֿולער גרויס. עס איז נויטיק, אַז אונדזער אַקטיוו זאָל זיך אָפּגעבן אַ רעכענונג וועגן אָט־דעם שווערן דורכרייס, לחלוטין ניט פּרוּוון אים פֿאַרדעקן אָדער פֿאַרענטפֿערן, און מיר זיינען זיכער, אַז אויב מיר וועלן דאָס טאָן, וועט אונדז דער דורכרייס העלפֿן בעסער פֿאַרשטיין ווי מיר דאַרפֿן יאָ טאָן זאַכן און ווי ניט. ניט פֿאַרדעקן קיין טעותן, נאָר פֿון זיי לערנען!

ווי לעבן אונדזערע ברענטשעס?

בײַ אונדזער לעצטן צוזאַמענפֿאָר האָבן מיר זייער ערנסט דיסקוסירט די פֿראַגע וועגן ווענדן דאָס אינערלעכע לעבן פֿון אונדזערע ברענטשעס אויף אַ געזינטערן, מער קאָנסטרוקטיוון און מער פּראַקטישן וועג. לאָמיר הייַנט פֿעסטשטעלן, אַז ניט־קוקנדיק אויף דעם, וואָס מיר האָבן נאָך אַ סך חסרונות און וואָס עס איז פֿאַראַן נאָך זייער אַ סך אויסצובעסערן, איז אָבער פֿאָרגעקומען זייער אַ וויכטיקע ענדערונג אין אונדזער לעבן. אַפֿילו קעגנער

אונדזערע מוזן היינט צוגעבן, אז ווען מען קומט אריין צו אונדזערן א ברענטש פילט זיך גאָר אַן אַנדער שטימונג. עס הערשט אַן אַנדערע באַציאונג צווישן די מיטגלידער. דער אַפּאַראַט אַרבעט באַדייטנד בעסער. מיר האָבן בייגעוואוינט אַ צאָל מיטינגען פון ברענטשעס סיי אין ניו יאָרק און סיי איבערן לאַנד, און אַפילו דאָרט וואו מען האָט ניט דורכגעפירט קיין ספּעציעלע קולטור־אַרבעט, האָט זיך דאָך געפילט אַן אַנדער גייסט, אַן אַנדערע באַציאונג. דער מיטינג איז געווען מער צוגעגרייט, בעסער פּלאַנירט. אַ גרויסער שאָד. וואָס מיר קענען דאָס ניט זאָגן וועגן אַלע ברענטשעס.

דירעקטאָרן און קעפּטען סיסטעם

אויב מיר האָבן נאָך ניט באַוויזן פולשטענדיק צו ענדערן אונדזער אינערלעך לעבן, איז אין דעם הויפּטזאַכלעך שולדיק דער פאַקט, וואָס אונדז האָט זיך נאָך ניט איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן דעם ברענטש־אַפּאַראַט ווי געהעריק. גלייך נאָך אונדזער לעצטן צוזאַמענפאָר האָט די נאַציאָנאַלע עקזע־קוטיווע געמאַכט אייניקע זייער ערנסטע פּאַרזוכן איינצופירן דעם דירעקטאָרן־פּלאַן און די קעפּטען־סיסטעם. און אויב מיר האָבן טיילווייז געהאַט דער־פּאָלג באַם איינפירן די דירעקטאָרן־סיסטעם, האָבן מיר אָבער זייער ווייניק דערגרייכט אַף דעם געביט פון דער קעפּטן־סיסטעם. נאָך מער, אַפילו דאָרט, וואו מיר האָבן שוין דורכגעפירט די דירעקטאָרן־סיסטעם, האָבן די ברענ־טשעס נאָך אַלץ ניט געמאַכט קיין פּאַרזוך צו באַשטימען אינדיווידועלע פּאַר־אַנטוואָרטלעכקייטן אַפּן אָרגאַניזאַציאָנעלן און קולטורעלן געביט. אַ טייל דירעקטאָרן פּלאָנטערן זיך נאָך איינער דעם אַנדערן אונטער די פיס, טראָץ דעם וואָס מיר האָבן זייער קלאָר דעפינירט די אַרבעט פון די באַזונדערע דירעקטאָרן. און דאָרט וואו די דירעקטאָרן פּאַרשטייען שוין זייערע פונקציעס קומט פּאָר אַן אינערלעכער קאַמף וועגן דער חשיבות פון יעדער פונקציע, וועגן דעם פּלאַץ וואָס זי דאַרף פּאַרנעמען אינעם ברענטש. אָט קלאָגן זיך קולטור־דירעקטאָרן, אַז די פּירערשאַפט פונעם ברענטש דערלאָזט ניט אַז די קולטור־פּראָבלעמען זאָלן אויפגענומען ווערן ווי געהעריק. נאָך מער קלאָגן זיך ליטעראַטור־דירעקטאָרן, אַז עס הערשט נאָך אַלץ ניט די געהעריקע באַ־ציאונג צו דער פראַגע פון ליטעראַטור־פּאַרשפּרייטונג.

מיר דאַרפן נאָך באַזייטיקן אַ סך אינערלעכע חסרונות, פּונקט ווי מיר האָבן באַזייטיקט די „פּוינטס אָוו אָרדער", די „אַפּילס צום טשער", און די צענדליקער אַנדערע אַזעלכע זאַכן. וואָס פרעסן אויף די צייט פון מיטינגען און די אָרגאַניזאַציעס גופא. מיר מוזן זיך באַפרייען פון דעם געדאַנק, אַז אננעמען אַ גוטן באַשלוס איז די זעלבע זאַך ווי אים דורכפירן. זייער אָפט בלייבט דער גוטער באַשלוס אין פּראָטאָקאָל־בוך, און מען טראַכט שוין וועגן נייע פּראַכטפולע פּלענער, אַנשטאָט דעם ווי אַזוי דורכצופירן די פריערדיקע פּלענער. די גאַנצע פירערשאַפט מוז ניט רעדן איבער אַלע פראַגן, וואָס דער ברענטש אָדער די עקזעקוטיווע פון ברענטש פּאַרהאַנדלט. מיר דאַרפן האָבן אַ ביסל מער גלויבן אין דער ברייטער מיטגלידערשאַפט, אין זייער פייאיקייט

דורכצופירן באַשלוסן. צו שנעל באַשליסט די פירערשאַפט פון ברענטש, אַז די אָדער יענע אַקציע קען מען ניט דורכפירן, דערפאַר ווייל מיר האָבן ניט גענוג כחות. ניט גענוג עקשנותדיק זיינען מיר געווען אין אונדזער פּאַרזוך אריינצוברענגען מער אָרגאַניזירטקייט אין דעם ברענטש־לעבן דורך דעם וואָס מיר וואָלטן איינגעפירט דעם דירעקטאָרן־פּלאַן און אָרגאַניזירט די קעפּטען־סיסטעם. לײדער מוזן מיר היינט פעסטשטעלן, אַז ניט נאָר די ברענטשעס, נאָר אפילו די שטאַט־קאָמיטעטן, האָבן באַ די ערשע שוועריקייטן זיך דער־שראָקן.

ווי אַזוי מיר האָבן דורכגעפירט די דריי מיטגלידער־קאַמפּאַניעס

אין משך פון די דריי יאָר, זינט דעם לעצטן צוזאַמענפאָר, האָבן מיר דורכגעפירט דריי מיטגלידער־קאַמפּאַניעס. איינע אין אָקטאָבער־נאָוועמבער־דעצעמבער 1935, די צווייטע אין אָקטאָבער־נאָוועמבער־דעצעמבער 1936 און די דריטע קאַמפּאַניע, וואָס מיר האָבן איצט אָפּגעשלאָסן.

אויסער די דריי נאַציאָנאַלע קאַמפּאַניעס, וואָס זיינען געפירט געוואָרן פון אַלע שפּראַך־סעקציעס, האָבן מיר דורכגעפירט צוויי קלענערע קאַמפּאַניעס. איינע אין די חדשים יוני און יולי 1935 אין פּענסילוויניע און מאַסאַ־טשוסעטס (גליך ווי מיר האָבן אין די שטאַטן באַקומען דעם טשאַרטער) און די צווייטע קורצע קאַמפּאַניע אין אַפּריל, מאַי און יוני, 1937, אין קליוולאַנד, פּיטסבורג און דעטרויט. די ערשטע קאַמפּאַניע אין פּענסילוויניע און מאַסאַ־טשוסעטס איז געפירט געוואָרן הויפּטזאַכלעך צווישן פילאַדעלפיע און באָס־טאָן. דאָס איז געווען אַ קורצע ווירקזאַמע קאַמפּאַניע. ביידע שטעט, סיי פילאַדעלפיע און סיי באָסטאָן, האָבן דערגרייכט דעם מאַקסימום וואָס איז מעגלעך געווען אין יענע זומערדיקע חדשים צו דערגרייכן. די זיגערן, באָסטאָן, איז געקומען צו אונדזער צוזאַמענפאָר אין 1935 מיט אַרום 500 מיטגלידער. אין אָט דער קורצער צייט האָט זי כמעט פאַר־טאָפּלט איר מיטגלידערשאַפט. פילאַדעלפיע, וועלכע האָט פאַרלאָרן, האָט אָבער אויך אויפגעטאָן זייער אַ סך. זי האָט דערגרייכט אַ 400 נייע מיט־גלידער, און דאָס איז געווען אַ גוואַלדיקער אויפטו אין פילאַדעלפיע. די צווייטע קורצע קאַמפּאַניע האָבן מיר דורכגעפירט אין אַפּריל, מאַי און יוני, 1937, אין די שטעט קליוולאַנד, פּיטסבורג און דעטרויט, אָפּן באַזיס פון די גרויסע סטרייקס, וואָס די שטאָל־אַרבעטער יוניאָן האָט דאָרט דורכגעפירט און אַף דער באַזע פון אונדזער אָנטייל אין דעם אויפבוי פון דער „סי. איי. אָ.". אין דער קאַמפּאַניע האָבן מיר לײדער ניט פאַרצייכנט אַזעלכע דערפאָלגן, ווי אין דער פריערדיקער קאַמפּאַניע אין פילאַדעלפיע און אין באָסטאָן.

די קאַמפּאַניע אין 1935

די ערשטע אַלגעמיינע קאַמפּאַניע איז דורכגעפירט געוואָרן צום סוף פון יאָר 1935. די דריטע קאָנווענשאָן פונעם אָרדן האָט באַשטימט, אַז די

אידישע סעקציע זאָל דערגרייכן 30,000 מיטגלידער ביזן אָנפאַנג יאָר 1936. די קאַמפּאַניע איז געווען אַן אמת פרײדיקע, אַ יום־טובדיקע. זי איז דורכ־געפירט געוואָרן מיט פיל באַגייסטערונג איבערן גאַנצן לאַנד. מיר האָבן אָפּגעשלאָסן די קאַמפּאַניע מיט נאָענט צו 31,000 מיטגלידער. אָבער אויך אין יענער קאַמפּאַניע האָבן מיר געהאַט אַ צאָל שטעט, וואָס זיינען געבליבן שטאַרק הינטערשטעליק — ווי לאָס אַנדזשעלעס, דעטרויט. ווינציקער הינטער־שטעליק זיינען געווען האַרטפאָרד, ניו הייווען, סט. לואיס און באַלטימאָר. עס זיינען אויך געווען מער ווי אַ פּאָר צענדליק קלענערע שטעט, וועלכע האָבן זיך ניט געפונען אין דעם צעטל פון די קאָנצענטראַציע־שטעט און זיינען גע־בליבן הינטערשטעליק. אויסגעצייכנט האָבן זיך די שטעט ניו יאָרק, שיקאַגאָ, באָסטאָן, קליוולאַנד, אויך פילאַדעלפיע האָט כמעט דערגרייכט איר קוואָטע. אין דער לעצטער וואָך פון דער קאַמפּאַניע האָט די אידישע סעקציע אַריינ־גענומען 2,204 מיטגלידער. דאָס איז געווען אַ דערגרייכונג, וואָס איז אומעטום באַטראַכט געוואָרן מיט גרויס באַוואונדערונג.

צווישן דער קאַמפּאַניע און דער קומענדיקער האָט אָבער געהערשט אַזאַ שטילשטאַנד אין פּרט פון אַריינגעמען נייע מיטגלידער, אַז דאָס האָט זיך זייער שלעכט אָפּגערופן אויף דעם ווייטערדיקן וואוקס פון אונדזער סעקציע. מיר זיינען אפילו ניט בכח געווען איינצוהאַלטן אונדזער מיטגלידערשאַפט. אין סעפּטעמבער 1936 זיינען מיר געקומען מיט אַ נעט פאַרלוסט פון אַרום 3,000 מיטגלידער.

די צווייטע מיטגלידער־קאַמפּאַניע אין 1936

די אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פונעם אָרדן האָט באַשטימט אַ קוואָטע פון 45,000 נייע מיטגלידער. די אידישע סעקציע האָט געקראָגן אַ קוואָטע פון 11,700. די קאַמפּאַניע איז געפירט געוואָרן מיט אַ שלאָגלערישן טעמפּאָ אינעם גאַנצן אָרדן. די מתנה פון אַ רייזע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אַרויסגערופן גוואַלדיקע באַגייסטערונג צווישן אַ גרויסער צאָל מיט־גלידער. דער גאַנצער אָרדן האָט אין דער קאַמפּאַניע דערגרייכט 30,460 דער־וואַקסענע און 7,235 קינדער מיטגלידער. די אידישע סעקציע האָט דערגרייכט איבער אַ דריטל פון דער אַלגעמיינער צאָל דערוואַקסענע, 10,418 נייע מיטגלידער. אמת, פון די 10,000 האָט די אידישע סעקציע אַריינגענומען אַרום 3,000 מיטגלידער פאַר אַנדערע שפּראַך־סעקציעס אינעם אָרדן, הויפּט־זאַכלעך פאַר דער ענגלישער סעקציע. אָבער איבער 7,000 נייע מיטגלידער האָבן מיר דערגרייכט פאַר דער אידישער סעקציע גופא. די גרעסטע געווינערן אין אָט־דער קאַמפּאַניע איז געווען שיקאַגאָ. אָבער אויך ניו יאָרק האָט דער־גרייכט אַ באַדייטנדיקע צאָל נייע מיטגלידער. די אידישע סעקציע האָט אָפּ־געשלאָסן די קאַמפּאַניע מיט איבער 34,000 מיטגלידער נעט. מיר האָבן ניט נאָר גוטגעמאַכט די שווערע פאַרלוסטן וואָס מיר האָבן געהאַט אין די פריער־דיקע 8 חדשים, נאָר מיר זיינען אַרויסגעקומען מיט אַרום 4,000 נעט געווינס.

מיר האָבן שוין פריער דערציילט וועגן דעם גרויסן פאַרלוסט פון מיט־

גלידער אין דער צווישן־צייט, צווישן דעם שלום פון דער קאמפאניע אין 1936 און דעם אנפאנג פון דער קאמפאניע אין 1937. מיר ווילן דא בלויז צוגעבן, אז דער פארלוסט טאר ניט צוגעשריבן ווערן אינגאנצן אפן חשבון פון די מעטאדן פון רעקרוטירונג אין דער קאמפאניע. מיר דארפן צוגעבן, אז אונ־דזער ארגאניזאציע־אפאראט איז ניט געווען בכח, איז ניט געווען צוגעגרייט צו פארדייען אזא גרויסע צאל נייע מיטגלידער אין אזא בערך קורצער צייט. א גרויסע צאל ברענטשעס האבן דורכגעפירט יום־טובים אין דער קאמפאניע. ברענטשעס האבן געפייערט די דערגרייכונג פון 50 נייע מיטגלידער, 100 נייע מיטגלידער, און אז מיר האבן בא אזא פייערונג אמאל געפרעגט די פירער פונעם ברענטש, וויפיל פון די 50 מחותנים, וועמעס שמחה זיי פייערן היינט, זיינען פאראן צום הייניטיקן יום־טוב, האט מען זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטן און מען האט קוים אפגעציילט 4. אזעלכע חתונות אן מחותנים זיינען גארניט געווען קיין זעלטנקייט. פון דעם טאר מען ניט ציען קיין פאלשן שלום — אז מיר דארפן אויפהערן פירן קאמפאניעס און אריינגעמען גרויסע מאסן מיטגלידער. ניין, חברים, דאס דארף אונדז לערנען, אז מיר דארפן ענדערן אונדזערע מעטאדן פון דערנענטערן די נייע מיטגלידער.

די לעצטע קאמפאניע

לאמיר זיך, חברים, מודה זיין, אז פון אלע קאמפאניעס וואס מיר האבן דורכגעפירט איז די לעצטע געווען די שוואכסטע. די פאר־קאמפאניע אין די חדשים אקטאבער, נאוועמבער און דעצעמבער האט זיך אינגאנצן ניט גערירט פון פלאץ. אבער אויך די קאמפאניע אין יאנואר, פעברואר און מערץ האט זיך געצויגן אן שוואונג. עס האט געפעלט יענע באגייסטערונג, וואס מיר פלעגן אריינטראגן אין די קאמפאניעס. קיין איין און איינציקע שטאט האט אין דער קאמפאניע ניט דערגרייכט די פולע 100 פראצענט. שיקאגא, וועלכע האט געפירט די קאמפאניע יום־טובדיקער און בעסער, ווי וועלכע עס איז אנדער שטאט איבערן לאנד, האט דערגרייכט 82.4 פראצענט. לאס אנדזשע־לעס, די צווייטע בעסטע שטאט פון לאנד, האט דערגרייכט 75.8 פראצענט. אונדזער גרעסטער און וויכטיקסטער צענטער, ניו יארק, האט אריינגענומען א קלענערע צאל מיטגלידער ווי אין וועלכער עס איז קאמפאניע אין די לעצטע דריי יאר. זי האט אריינגענומען בלויז 3,755 נייע מיטגלידער אף א קוואטע פון 6,500, דערגרייכנדיק קוים 64 פראצענט. די רעזולטאטן אין די אנדערע שטעט זיינען נאך ערגער — אפילו קיין 50 פראצענט ניט דערגרייכט. באסטאן — 48.7 פראצענט, פילאדעלפיע — 44.4 פראצענט, דעטרויט — 44 פרא־צענט, פיטסבורג — 39 פראצענט, נוארק — 24.8 פראצענט און קליוולאנד — 23.3 פראצענט.

וואס זיינען די הויפט־סיבות פאר אט־דער שוואכער מיטגלידער־קאמ־פאניע? 1) דער פאקט, וואס אינעם גאנצן ארדן איז די קאמפאניע ניט גע־גאנגען גוט, האט אן ספק געהאט א ווירקונג אויך אף דער אידישער סעקציע. (דער גאנצער ארדן האט דערגרייכט 50 פראצענט פון דער קוואטע.)

2) אונדזער אַקטיוו האָט ניט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון אַ דערפּאָלגרייכער קאַמפּאַניע. ערשט אין די לעצטע וואָכן איז אונדז אויסגעקומען צו הערן פון אַ צאָל זייער וויכטיקע טוער, אַז ערשט איצט זעען זיי איין, אַז מיר האָבן געקענט דערגרייכן אונדזער קוואָטע, אָבער אין אָנפאַנג פון דער קאַמפּאַניע האָבן זיי די מעגלעכקייטן ניט געזען. 3) מען קען ניט דורכפירן מיט דערפּאָלג קיין קאַמפּאַניע דערמיט וואָס מען האַלט אין איין רעדן וועגן איר, אין איין ציילן אַפּליקאַציעס. די קאַמפּאַניע קען זיין דערפּאָלגרייך בלויז דעמאָלט, ווען עס גיט זיך אונדז איין אויפצולעבן דעם ברענטש, פאַרבינדן די קאַמפּאַניע מיט אונדזערע פּאַראייניקטע און פאָלקס־פראָנט אַקציעס, מיט אונדזער גאַנץ קולטורעל לעבן. און אויב שיקאַגאָ האָט דערגרייכט איבער 82 פּראָצענט ביז אָנפאַנג אַפּריל, איז דאָס געווען בלויז דערפאַר, ווייל דאָרטן איז אַריינגעטראָגן געוואָרן מער יום־טובדיקייט און זי איז ענגער פאַרבונדן געוואָרן מיט דער קולטור־טעטיקייט. דער פאַקט, וואָס אין שיקאַגאָ איז היינטיקן ווינטער געטאָן געוואָרן מער קולטור־אַרבעט ווי ווען עס איז פריער, האָט אין אַ גרויסער מאָס בייגעטראָגן אויך צו דער מיטגלידער־קאַמפּאַניע, לייכטער געמאַכט אַריינגעמען נייע מיטגלידער.

ניין, חברים, מיר ווילן ניט מינימיזירן דעם אויפטו פון אַריינגעמען 6,558 מיטגלידער אין אַזאַ קורצער צייט. אָבער מיר ווייסן די מעגלעכקייטן פון אונדזער אָרדן, מיר קענען די איבערגעגעבנקייט פון אונדזער אַקטיוו און מיר ווייסן, אַז די רעזולטאַטן וואָלטן געווען אינגאַנצן אַנדערע, ווען מיר וואָלטן אָנגעווענדט אָט־די מעטאָדן, וועגן וועלכע מיר האָבן גערעדט.

שטאַטישע און דיסטריקט פּלענאַרע זיצונגען

אין פאַרלויף פון די לעצטע דריי יאָר האָבן מיר, פּונקט ווי אין די פריערדיקע יאָרן, צוזאַמענגערופן איינמאָל אין יאָר פּלענאַרע דיסטריקט קאָנפערענצן אין די וויכטיקסטע צענטערן פון לאַנד. די קאָנפערענצן האָבן פון יאָר צו יאָר פאַרנומען אַלץ אַ באַדייטנדיקערע פּאָזיציע אינעם לעבן פון אונדזער אָרדן. עס איז גענוג געווען צו פאַרגלייכן די באַריכטן פון די שטאַטישע קאָמיטעטן, די דיסקוסיעס און די באַשלוסן פון די פּלענאַרע זיצונגען אין 1933 און אין 1937, אַז מיר זאָלן איינזען דעם גרויסן שריט פאָרויס, וואָס אונדזער אָרדן האָט געמאַכט.

בלויז צום סוף פון יאָר 1937 האָבן מיר ניט גערופן קיין פּלענאַרע זיצונגען, ווייל מיר האָבן זיך געגרייט צו די דיסטריקט־קאָנפערענצן, וואָס האָבן געדאַרפט דערוויילן דעלעגאַטן צו דעם איצטיקן צוזאַמענפאָר, און מיר האָבן ניט געוואָלט צעפּיצלען די אַרבעט. די דיסטריקט־קאָנפערענצן האָבן דערצו הויפּטזאַכלעך געדאַרפט אויפנעמען די אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון צוזאַמענפאָר. אַזוי, אַז מיר האָבן שוין במילא אויך אָפּגעלייגט דאָס אויסקליבן נייע דיסטריקט און שטאַט קאָמיטעטן ביז נאָכן צוזאַמענפאָר. די אַריינקומענדיקע נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע, וואָס וועט דערוויילט ווערן באַם איצטיקן צוזאַמענפאָר, וועט האָבן פאַר זיך די ערשטע אויפגאַבע צו רופן

אַט־די שטאַטישע פּלענאַרע זיצונגען. זיי וועלן האָבן פאַר זיך צוויי הויפּט־פּראָבלעמען: 1) ווי אַזוי דורכצופירן די באַשלוסן פונעם איצטיקן צוזאַמענפאָר, און 2) דערוויילן אַ נייע פירערשאַפט.

נאַציאָנאַלער פּלענום

פאַראיאָרן זומער איז קלאָר געוואָרן פאַר דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, אַז עס האָט זיך אָנגעקליבן אַ באַדייטנדע צאָל וויכטיקע פּראָבלעמען, וואָס מוזן אויפגענומען ווערן מיט אונדזער פירערשאַפט איבערן גאַנצן לאַנד. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס הערשט אַ צעמישעניש בײַ אַ טייל טוער איבער אַ סך וויכטיקע פּראָבלעמען, וואָס שטייען פאַר אונדזער אָרגאַניזאַציע. די פראַגע פון דער ראָל פון אונדזער אָרדן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג איז נאָכאַמאָל אויפגעשוואומען אין איר גאַנצער גרויס. אַ צאָל פירנדיקע חברים אין אונדזער אָרגאַניזאַציע האָבן אָנגעהויבן צוזאַמענצומישן די סעקטאַנטישע מעטאָדן מיט דער פּרינציפּיעלער ליניע פון אונדזער אָרדן. אָנשטאָט צו זוכן וועגן און מיטלען ווי אַזוי צו באַזייטיקן אַט־די סעקטאַנטישע מעטאָדן האָט מען אָנגעהויבן רעדן אַז די קלאַסן־ליניע איז שולדיק אין אַלע אונדזערע שוואַכקייטן און חסרונות. מיר דאַרפן צופּאַסן אונדזער פּראָגראַם צו די נייע, נאָך ניט באַוואוסטזיניקע עלעמענטן. אָט אַזעלכע שטימען האָבן מיר אָנגעהויבן הערן פון אַ צאָל אָנפירנדיקע חברים.

אין דעם נאַציאָנאַלן פּלענום האָבן זיך באַטייליקט ניט נאָר די מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, נאָר אויך אַלע מיטגלידער פון ניו יאָרקער שטאָט קאָמיטעט, און פאַרטרעטער פון די וויכטיקסטע שטאָטישע און דיסטריקט קאָמיטעטן איבערן לאַנד. די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט בײַ דעם פּלענום געהאַלטן פאַר נייטיק אַוועקצושטעלן אַט־די פראַגע אַלס אַ צענטראַלן פּונקט אויף דער טאָג־אָרדענונג. עס איז פאָרגעקומען זייער אַ ברייטע דיסקוסיע איבער דעם און מיר האָבן נאָכאַמאָל פעסטגעשטעלט די ריכטיקע פאָרמולירונג פון אונדזער ערשטן צוזאַמענפאָר, אַז אונדזער אָרדן וועט אויף אַזויפיל וואַקסן, בליען און זיך אַנטוויקלען, אויף וויפיל ער וועט זיין אַ טייל פונעם קלאַסן־פראָנט אין אַמעריקע. וואָס גרעסער עס וועט זיין די ראָל, וואָס מיר וועלן שפּילן אין העלפן בויען די „סי. איי. אָ.״ יוניאָנס, אין העלפן אויפבויען אַ „לייבאָר־פּאַרטיי״ א. אַז. וו., אַלץ אַ גרעסערער און וויכטיקערער פאַקטאָר וועלן מיר ווערן אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג, אַלץ מער וועלן מיר וואַקסן.

דער פּלענום האָט פעסטגעשטעלט, אַז מיר האָבן ביז איצט צוגעצויגן ברייטע מאַסן צו אונדזער אָרדן, ניט נאָר דערפאַר וואָס מיר גיבן זיי די גרעסטע בענעפיטן פאַר די קלענסטע צאָלונגען וואָס זיינען מעגלעך, נאָר אויך דורך דעם, וואָס די ברייטע מאַסן האָבן אין אונדז געזען איינעם פון די פּראָגרעסיווסטע פראַטערנאַלע אָרדנס אין אַמעריקע, וואָס האָט אַ פּאָזיטיוון צוגאַנג צו די אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען פון די מאַסן דאָ אין לאַנד. אָנשטאָט צו פאַרמינערן אונדזער טעטיקייט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאַנד,

דאַרפֿן מיר, פֿאַרקערט, ווייטער פֿאָרזעצן און פֿאַרשטאַרקן יענע ריכטיקע טאַקטיק. אונדזער אָרגאַניזאַציע דאַרף שפּילן נאָך אַ גרעסערע ראָל, באַזונדערס אין דער איצטיקער צייט, ווען דער קאַמף צווישן פּראָגרעס און רעאַקציע איז געוואָרן נאָך מער פֿאַרשאַרפֿט, איז געוואָרן אַ קאַמף אַף לעבן און טויט. אונדזער סעקציע דאַרף זיך פֿאַרבינדן מיט די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אַף אַלע געביטן פֿון אידישן לעבן. ווען מיר וועלן דאָס טאָן, וועלן זיך פֿאַר אונדז עפֿענען נאָך נייע אומדערשעפּלעכע קוואַלן צווישן די ברייטע אידישע מאַסן. מיר דאַרפֿן אונדזער פּראָגראַם ניט צופּאַסן צו די אומבאַוואוסטזיניקע, אומאַנטוויקלטע מיטגלידער, נאָר, פֿאַרקערט, מיר דאַרפֿן אָט־די אומבאַוואוסטזיניקע, אומאַנטוויקלטע מיטגלידער לערנען, דערציִען און זיי אויפֿהויבן צו אונדזער פּראָגראַם. וואָס מער מיר וועלן זיך באַטייליקן אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון די אידישע מאַסן, אַלץ שנעלער וועלן די היינטיקע אומבאַוואוסטזיניקע און אומאַנטוויקלטע ווערן די מאָרגנדיקע וואַרעמע פֿריינט און טוער פֿונעם אָרדן.

אָט־דער נאַציאָנאַלער פּלענום האָט געשפּילט זייער אַ וויכטיקע ראָל אין אויפֿקלערן און אַריינטראָגן אַ סך ליכט אין אָט־דער פֿראַגע און נאָכאַמאָל פֿעסטשטעלן אונדזער פּרינציפּיעלע פּאָליטישע באַזע. דער פּלענום האָט זיך אויך זייער אַ סך באַשעפֿטיקט מיט אונדזער אַרבעט אַפֿן געביט פֿון בויען דעם פֿאָלקס־פֿראָנט, אונדזער קולטור־ און שול־אַרבעט און בכלל ווי צו פֿאַרבעסערן די שלעכטע מעטאָדן פֿון אונדזער אַרבעט. עס איז אָן שום ספק, אַז אַ סך פֿון אונדזערע דערגרייכונגען האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען דעם פּלענום, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין נאָוועמבער 1937, און וואָלט ער פֿאָרגעקומען פֿריער וואָלטן אונדזערע דערגרייכונגען געווען גרעסערע. עס איז אונדזער מיינונג, אַז אַ נאַציאָנאַלער פּלענום דאַרף גערופֿן ווערן צווישן צוזאַמענפֿאָרן, באַ וועלכן עס זאָלן אויפֿגענומען ווערן די פּראָבלעמען, וואָס שווימען אַרויף אין דער צווישנצייט.

דער צושטאַנד פֿון די שטעט

עס איז ניט מעגלעך אין אָט־דעם באַריכט זיך אָפּצושטעלן גענוי אַף דעם צושטאַנד פֿון אַלע צענטערן איבערן לאַנד. מיר דערוואַרטן, אַז די חברים פֿון די שטעט וועלן אָפּגעבן גענויע באַריכטן וועגן זייער אַרבעט, כדי מיר זאָלן קענען האָבן אַ פֿולשטענדיק בילד פֿון די שטעט. מיר ווילן בלויז געבן אייניקע ציפֿערן און אַרויסרוקן אַ פּאָר שוואַכע פּונקטן אין דער אַרבעט פֿון אונדזערע שטאָט־קאָמיטעטן.

ניו יאָרק

לאָמיר צוערשט נעמען אונדזער גרעסטן צענטער, ניו יאָרק, וועלכער פֿאַרמאָגט כמעט צוויי דריטל פֿון דער מיטגלידערשאַפֿט פֿון דער אידישער סעקציע. צו דער לעצטער קאָנווענשאָן האָט ניו יאָרק פֿאַרמאָגט 14,082 מיטגלידער. צו דער היינטיקער קאָנווענשאָן קומט ניו יאָרק מיט 22,456

מיטגלידער. ווי איר זעט, חברים, איז דאָס אַ וואוקס פון איבער 8,000 מיטגלידער. ווען מיר גיבן נאָך צו, אַז ניו יאָרק האָט געליטן פון דער שטרייך־מגפה ניט ווינציקער ווי אַלע אַנדערע שטעט פון לאַנד, וועלן מיר מוזן אָנערקענען, אַז די דערגרייכונגען אין אונדזער ניו יאָרקער אָרגאַניזאַציע זיינען זייער וויכטיקע. אָבער וועגן נאָך באַדייטנדיקערע, נאָך וויכטיקערע דערגרייכונגען קענען מיר דערציילן אַף אַנדערע געביטן. 2,200 סטודענטן, מיטגלידער פון ניו יאָרקער ברענטשעס, האָבן זיך אין די דריי יאָר געלערנט אין אידישן אַרבעטער־אוניווערזיטעט. דאָס איז אַן אויפטו, וואָס די דעלעגאַטן דאַרפן נעמען פאַר אַ ביישפּיל. לאָמיר נאָך צוגעבן, אַז ניו יאָרק האָט לעצטנס איינגעשטעלט אַ קולטור־דעפּאַרטמענט, מיט אַ באַצאָלטן קולטור־דירעקטאָר, חבר יוקלסאָן, וואָס האָט זייער פיל געהאָלפן צו פאַרבעסערן און צו סטימולירן די קולטור־אַרבעט אין די ברענטשעס.

ניו יאָרק האָט אָבער אויך אַ צאָל דורכפאַלן, דורכרייסן אַפן קולטורעלן געביט, וועגן וועלכע מיר וועלן רעדן אין דעם קאַפּיטל וועגן אונדזער קולטור־אַרבעט. מיר וועלן דאָ אָנווייזן בלויז אַף איין אָרגאַניזאַציאָנעלן דורכפאַל. ניו יאָרק האָט אין די לעצטע דריי יאָר ניט באַוויזן צו רעאָרגאַניזירן אַ באַדייטנדערע צאָל ברענטשעס אַף אַ טעריטאָריעלער באַזע. אין זיין פאַרזוך איבערצובויען די שטאָט אַף אַ דיסטריקט־מאַסשטאַב האָט דער ניו יאָרקער שטאָט־קאָמיטעט פאַרזען די דאַון־טאַונער ברענטשעס, וועלכע פאַרמאָגן אַלע צוזאַמען אַרום 10,000 מיטגלידער. אָט די פאַרנאַכלעסיקונג האָט געקאָסט דעם שטאָט־קאָמיטעט זייער טייער, באַזונדערס אין דער לעצטער מיטגלידער־קאַמפּאַניע.

שיקאַגאָ

שיקאַגאָ איז געקומען צו אונדזער לעצטן צוזאַמענפאָר מיט 2,253 מיטגלידער. היינט פאַרמאָגט זי אַרום 3,480 מיטגלידער. ווי איר זעט, האָט שיקאַגאָ פּראָפּאָרציאָנעל דערגרייכט ניט מער ווי ניו יאָרק, ניט קוקנדיק אַף דעם וואָס זי האָט דורכגעפירט דריי גלענצנדע קאַמפּאַניעס און איז אַרויס די געווינערן די לעצטע צוויי יאָר. פון וואַנען נעמט זיך דאָס? אין דעם זומער גלייך נאָך אונדזער לעצטן צוזאַמענפאָר האָט שיקאַגאָ פאַרלוירן איבער 600 מיטגלידער. דאָס האָט כמעט אָפּגעווישט די דערגרייכונגען פון דער פריערדיקער קאַמפּאַניע. שיקאַגאָ האָט אויך געליטן שווערע פאַרלוסטן אין יאָר 1937.

דער שיקאַגער שטאָט־קאָמיטעט האָט געליטן פון אַ שווערער חולאת. קולטור־אַרבעט איז דאָרט געווען פאַררעכנט ווי אַן איבעריקע זאַך. עס פרייט אונדז אָבער צו באַריכטן צום היינטיקן צוזאַמענפאָר, אַז האָיאָר איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג אַף דעם געביט און אַז דער גאַנצער אַקטיוו, צוזאַמען מיט חבר גראָספעלדן, האָט ביי געטראָגן צו מאַכן אָט־די וויכטיקע ענדערונג. אין שיקאַגאָ איז אויפגעבויט געוואָרן דער אידישער אַרבעטער־אוניווערזיטעט. איבער 100 סטודענטן האָבן דאָרט האָיאָר געלערנט. די שיקאַגער חברים וועלן אָבער מוזן מאַכן אַן ערנסטע אָנשטרענגונג צו באַ־

זייטיקן די שוואַכקייטן פון אַ צאָל ברענטשעס סיי אַפן קולטורעלן און סיי אַפן אָרגאַניזאַציאָנעלן געביט.

פילאַדעלפיע

אויב מיר זאָלן פאַרגלייכן די מיטגלידערשאַפט פון פילאַדעלפיע באַם לעצטן צוזאַמענפאָר און איצט וועט עס אויסזען, אַז פילאַדעלפיע האָט דער־גרייכט פּראָפּאָרציאָנעל מער ווי וועלכע עס איז אַנדערע שטאָט. דאָס וואָלט אָבער ניט געווען יושרדיק צו די אַנדערע שטעט, ווייל פילאַדעלפיע האָט זיך ניט באַטייליקט אין דער פאַר־קאָנוועגשאָן קאַמפּאַניע צוליב לעגאַלע מאָטיוון, און האָט דעריבער אָנגעפירט אַ ספּעציעלע קאַמפּאַניע גלייך נאָך דער קאָנ־ווענשאָן. אַזוי אַז מיר וועלן ניט מאַכן קיין פאַרגלייך מיט דער צאָל, וואָס פילאַדעלפיע האָט פאַרמאָגט באַם צוזאַמענפאָר — 1,164 — נאָר מיט דער צאָל, וואָס זי האָט פאַרמאָגט דעם 1טן אָקטאָבער — 1,454 — נאָך דער ספּעציעלער קאַמפּאַניע. היינט פאַרמאָגט פילאַדעלפיע 2,096 מיטגלידער. פילאַדעלפיע וואָלט פאַרצייכנט פיל גרעסערע דערפאָלגן אַפן געביט פון בויען דעם אָרדן, ווען זי וואָלט ניט פאַרמאָגט עטלעכע ספּעציעלע שוואַכקייטן. ערשטנס, דאָס לעבן אין די פילאַדעלפיער ברענטשעס איז פיל ערגער ווי אין וועלכער עס איז שטאָט איבערן לאַנד. דער באַזוך פון די מיטגלידער צו די ברענטש־מיטינגען איז אַן אויסערגעוויינלעך קליינער. צווייטנס, פילאַדעלפיע האָט, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע שטעט, פּראָפּאָרציאָנעל אַריינגעצויגן דעם קלענסטן אַקטיוו אין דער אַרבעט פון בויען דעם אָרדן. פילאַדעלפיע האָט זיך ווינציק אויסגעברייטערט אין שטאָט. בלויז איין און איינציקער נייער ברענטש איז דאָרט צוגעקומען אין משך פון די דריי יאָר. קיין איין טרייד־ברענטש איז ניט אָרגאַניזירט געוואָרן, כאָטש די מעגלעכקייטן זיינען דאָרט גרעסערע ווי אין אַנדערע שטעט. ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס אַן אַנדער פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע, אומבאַדייטנד אין פאַרגלייך מיטן אָרדן, האָט אַריינגעצויגן דאָרט אַ צאָל לאַנדסמאַנשאַפטן, האָט פילאַדעלפיע ניט באַוויזן אַריינצוציִען קיין איין לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציע.

עס פאַרשטייט זיך, אַז פילאַדעלפיע האָט אויך זייער וויכטיקע דער־גרייכונגען. זי האָט דורכגעפירט איניקע באַדייטנדיקע אַקציעס אַפן געביט פון בויען דעם פּאַראייניקטן פראָנט, אַפן קולטורעלן געביט, אָבער דאָס לאָזן מיר איבער פאַר פילאַדעלפיע צו דערציילן.

באָסטאָן

באָסטאָן געפינט זיך אין דער זעלבער לאַגע ווי פילאַדעלפיע, אין פּרט פון פאַרגלייכן די צאָל מיטגלידער פונעם לעצטן צוזאַמענפאָר ביז איצט. און דעריבער וועלן מיר נעמען דעם אָקטאָבער־ציפער. צום ערשטן אָקטאָבער 1935 האָט באָסטאָן פאַרמאָגט 1,070 מיטגלידער. היינט צו טאָג פאַרמאָגט זי 1,526 מיטגלידער. אמת, צו דעם לעצטן צוזאַמענפאָר איז באָסטאָן

געקומען מיט בלויז 548 מיטגלידער. און אויב מיר זאָלן אָנפאַנגען אונדזער רעכענונג פון יענער צייט אָן, וועט דער וואוקס אויסזען גאַנץ באַדייטנדיק. אָבער די באָסטאָנער חברים דאַרפן באַטראַכטן די ציפערן אין דעם זעלבן ליכט ווי מיר באַטראַכטן זיי און דעמאָלט וועלן זיי פאַרשטיין, אַז באָסטאָן, וועלכע איז איינע פון די פעסטונגען פון אַנדערע אידישע פּראָ־טערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, איז נאָך אַלץ דער שוואַכסטער פונקט אין אונדזער אַרבעט. באָסטאָן פאַרמאָגט אויך אַ גרויסע צאָל פון די זעלבע מעלות און חסרונות, וואָס מיר האָבן אויסגערעכנט פאַר די אַנדערע שטעט.

לאָס אַנדזשעלעס

לאָס אַנדזשעלעס האָט פאַרמאָגט בײַ אונדזער לעצטן צוזאַמענפאָר 949 מיטגלידער. פון דער צאָל דאַרף מען נאָך אַרונטערנעמען 100 מיטגלידער, וועלכע זיינען באַלד נאָך דעם צוזאַמענפאָר אַרויסטראַנספערירט געוואָרן אין אַנדערע סעקציעס. איצט פאַרמאָגט לאָס אַנדזשעלעס 1,352 מיטגלידער. פאַר לאָס אַנדזשעלעס איז דאָס אַ גוואַלדיקע דערגרייכונג. לאָמיר פאַרגלייכן לאָס אַנדזשעלעס מיט קליוולאַנד —ביידע שטעט האָבן די זעלבע צאָל אידן: אין קליוולאַנד פאַרמאָגן מיר בלויז 538 מיטגלידער, בשעת אין לאָס אַנדזשעלעס האָבן מיר 1,352 מיטגלידער. אָן איבערטרייבונג קענען מיר זאָגן, אַז לאָס אַנדזשעלעס איז איינע פון די בעסטע שטעט, וואָס די אידישע סעקציע פאַרמאָגט. אין לאָס אַנדזשעלעס איז אין די לעצטע יאָרן, מיט דער אַקטיווער מיטהילף פון אונדזער אָרדן, אויפגעבויט געוואָרן דער ברייטסטער פאַראייניקטער פראָנט, דער ברייטסטער פאָלקס־פראָנט אין לאַנד. דער אָרדן גופא איז געוואָרן גאָר אַ וויכטיקער געזעלשאַפטלעכער און קול־טורעלער כח צווישן די ברייטע אידישע מאַסן.

נאַטירלעך טאָרן אונדזערע לאָס אַנדזשעלעסער חברים ניט פאַרשיכורט ווערן פון זייערע דערפאָלגן. זיי דאַרפן געדענקען, אַז עס זיינען נאָך אַלץ פאַראַן טויזנטער וועלכע דאַרפן און קענען געהערן צו אונדז, אַז עס איז נאָך דאָ גענוג פּלאַץ פאַר אויסברייטערן דעם פאָלקס־פראָנט, און אַז דער אָרדן קען פאַרנעמען נאָך אַ מער אָנגעזעען פּלאַץ ווי ביז איצט.

פּיטסבורג, קליוולאַנד און דעטרויט

די לעצטע דריי יאָר האָבן מיר אוועקגעגעבן אַ סך ענערגיע אויפצובויען די דריי שטעט. מיר מוזן זיך אָבער מודה זיין, אַז וואָס אָנבאַלאַנגט דעטרויט און קליוולאַנד האָבן מיר קיין צו גרויסן דערפאָלג ניט געהאַט. דעטרויט האָט פאַרמאָגט בײַ דער לעצטער קאָנווענשאָן 585 מיטגלידער און פאַרמאָגט היינט 710 מיטגלידער. ווי איר זעט, זייער אַ קליינער צווואוקס. כמעט אין דעם זעלבן צושטאַנד איז קליוולאַנד. קליוולאַנד האָט פאַרמאָגט צום לעצטן צו־זאַמענפאָר 466 מיטגלידער און היינט פאַרמאָגט זי 548 מיטגלידער. קליוו־לאַנד האָט דורכגעפירט בלויז איין זייער דערפאָלגרייכע קאַמפּאַניע, מיט דריי יאָר צוריק, און זינט דאַן שטייט זי כמעט אויף אַן אָרט. ניט קוקנדיק אויף דעם,

וואָס אין שטאָט געפינט זיך זייער אַ גרויסע צאָל גוטע און פּאַסיקע חברים, איז דער שטאָט־קאָמיטעט נאָך אַלץ ניט קיין פירנדיקע קערפּערשאַפט. אין אַ ביסל אַ בעסערן צושטאַנד אַף דעם געביט איז דעטרויט, אָבער ניט פיל בעסער.

דערפאַר קענען מיר זיך באמת פרייען מיט די דערגרייכונגען אין פּיטס־בורג. פּיטסבורג האָט באַם לעצטן צוזאַמענפאָר פאַרמאָגט 2 ברענטשעס און 121 מיטגלידער. היינט פאַרמאָגט פּיטסבורג 5 ברענטשעס מיט 489 מיט־גלידער. ווען מען געדענקט נאָך, אַז די פּיטסבורגער חברים האָבן שוין געהאַט באַטראַכט זייער שטאָט פאַר אויסגעשפּילט, און אַז אַפילו מיר אַליין האָבן שוין כמעט אויך אָנגעהויבן גלויבן, אַז מיר האָבן אויסגעשעפּט אונדזערע מעגלעכקייטן אין דער שטאָט, ווערט די דערגרייכונג נאָך גרעסער. נאָך דער לעצטער קאָנווענשאַן האָבן מיר באַשלאָסן, אַז מיר דאַרפן שענקען אַ ביסל מער אויפמערקזאַמקייט און לאָמיר זען צי מ׳קען דאָרט ענדערן די לאַגע. און היינט קענען מיר באַגריסן די פּיטסבורגער חברים מיט זייער דערפאָלג־רייכער אַרבעט אין בויען דעם אָרדן. פּיטסבורג איז אויך די צווייטע שטאָט נאָך לאָס אַנדזשעלעס, וועלכע האָט דורכגעפירט ברייטע פּאַראייניקטע פראָנט אַקציעס. דער אָרדן איז פּאָפּולער אין שטאָט, ער פאַרנעמט אַ חשובן פּלאַץ צווישן די אידישע מאַסן.

פון דער צווייטער קאַטעגאָריע שטעט, נאָך דעטרויט, קליוולאַנד און פּיטסבורג, קומען נוארק, האַרטפאָרד, און סט. לואיס. אויך נואַרק איז טייל־ווייז געוואַקסן. פון 377 מיטגלידער, וואָס נואַרק האָט פאַרמאָגט צום לעצטן צוזאַמענפאָר, קען זי איצט באַריכטן 534 מיטגלידער. אָבער נאָך וויכטיקער איז דער פאַקט, וואָס דער גאַנצער שטאָט ניו דזשוירזי איז אויס־געוואַקסן פון אַרום 1,000 מיטגלידער באַם לעצטן צוזאַמענפאָר ביז 1,400 מיטגלידער היינט צו טאָג. דאָס איז אַ דערגרייכונג, וואָס קען טיילווייז צוגעשריבן ווערן צו דעם פאַקט, וואָס די ניו דזשוירזיער חברים האָבן אָנ־געהויבן שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין שטאַט אין בויען דעם פאָלקס־פראָנט און אַפן קולטורעלן געביט. וואָלטן מיר אין נואַרק און אין גאַנץ ניו דזשוירזי פאַרמאָגט אַ ביסל אַן אַקטיווערן אַפּאַראַט, אַן אַקטיווערן שטאַטישן און דיסטריקט קאָמיטעט, וואָלן מיר געהאַט נאָך מער דערגרייכט.

אויך האַרטפאָרד האָט זיך אַ רוק געטאָן גאַנץ באַדייטנדיק פאָרויס. לויט איר אידישער באַפעלקערונג האָט די שטאָט געדאַרפט אָבער פאַרצייכענען גרעסערע דערפאָלגן אין די דריי יאָר. האַרטפאָרד האָט פאַרמאָגט באַם לעצטן צוזאַמענפאָר 210 מיטגלידער און היינט פאַרמאָגט זי 352 מיטגלידער.

אין זייער אַ שלעכטן צושטאַנד געפינט זיך סט. לואיס. געקומען איז סט. לואיס צום לעצטן צוזאַמענפאָר מיט 198 מיטגלידער און היינט האָט זי 160 מיטגלידער. קליינלעכע קריגערייען האָבן געשפּילט די הויפּט־ראָל אין דער דעמאָראַליזאַציע פון די ברענטשעס. אויך אין סט. לואיס איז די מעגלעכ־קייט פאַר בויען אונדזער אָרדן זייער גרויס. די קומענדיקע נאַציאָנאַלע עק־זעקוטיווע וועט דאַרפן זיך זייער ערנסט פאַרטראַכטן, סיי וועגן סט. לואיס, סיי וועגן ראָטשעסטער, פּעטערסאָן און באַלטימאָר.

אז מיר רעדן שוין וועגן די שטעט ווילט זיך זאָגן אַ פּאָר אַלגעמיינע ווערטער וועגן די קלענערע צענטערן פון לאַנד. מיר האָבן אָפּגעשלאָסן איצט אַ קאַמפּאַניע, מיר האָבן אַריינגענומען 6,558 נייע מיטגלידער. פון אָט־די האָבן מיר 6,257 אַריינגענומען אין די פאָלגנדע 10 שטעט: ניו יאָרק, שיקאַגאָ, לאָס אַנדזשעלעס, פילאַדעלפיע, באָסטאָן, דעטרויט, פּיטסבורג, נוארק, קליוולאַנד און האַרטפאָרד. בלויז 301 מיטגלידער זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין די אַנדערע 50 שטעט איבערן לאַנד. אָט־דער פאַקט, אָט־דער אומבאַדייטנדיקער ציפער 301 שטעלט פאַר אונדזער קאָנווענשאָן אַוועק זייער ערנסט די פראַגע וועגן די קלענערע שטעט. און דאָס האָט ניט בלויז פּאַסירט אין דער לעצטער קאַמפּאַניע, נאָר אויך אין די פריערדיקע צוויי קאַמפּאַניעס. קענען מיר דערלויבן, אַז אָט־די שטעט זאָלן בלייבן כמעט אויף דער זעלבער שטופע ווי זיי זיינען געווען מיט דריי יאָר צוריק? עס זיינען פאַראַן געוויסע שטעט, וואָס שטייען אויף זעלבן שטאַפּל פון זייער אַנטוויקלונג, ווי זיי זיינען געשטאַנען מיט 8 יאָר צוריק, בשעת דער גרינדונג פון אונדזער אָרדן. עס איז אמת, אַז אויך די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע איז טייל־ווייז שולדיק אין דעם, ווייל זי האָט ניט געשענקט גענוג אויפמערקזאַמקייט צו די שטעט. מיר האָבן עס פּרובירט טאָן דאָס יאָר, דורכפירנדיק אַ טור מיט חבר רעדין אין די אַלע קלענערע צענטערן, סיי אין דער סאַוט, סיי אין דער מיטלוועסט. אָבער דאָס איז ווייט ניט גענוג. מיר וועלן דאַרפן אין די קומענדיקע פּאָר יאָר אויפרודערן אָט־די שטעטלעך. מיר וועלן אויך דאַרפן מאַכן אַן ערנסטן פאַרזוך צו גרינדן נייע ברענטשעס אין אַ צאָל שטעט, אין וועלכע עס געפינט זיך אַ באַדייטנדיקע צאָל אידן און אין וועלכע מיר האָבן נאָך ביז היינט קיין ברענטש ניט.

פּרויען־סעקציעס

אַ פריידיקע דערשיינונג אינעם לעבן פון דער אידישער סעקציע אין די לעצטע דריי יאָר איז דאָס געבורט פון אַרום 60 פרויען־סעקציעס. צו אונדזער לעצטן צוזאַמענפאָר זיינען מיר געקומען מיט 3 פרויען־ברענטשעס. יענע ברענטשעס עקזיסטירן נאָך היינט, אָבער זיי זיינען ניט געווען בכח אַריינצודרינגען צווישן די ברייטע פרויען־מאַסן, ברענגען צו זיי דאָס וואָרט פון אונדזער אָרדן, ברענגען אַ ביסל אויפלעבונג אין דעם פאַרחושכטן לעבן פון דער הויז־פרוי, אַריינטראָגן דאָרט אַ ביסל מער יום־טובדיקייט, מער געזעלשאַפטלעכקייט.

כדי דאָס צו דערגרייכן, האָבן מיר געדאַרפט געפינען אַ וועג ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן די 8 אָדער 10 טויזנט פרויען, וואָס געפינען זיך שוין אין דער אידישער סעקציע, אָבער זיינען בלויז מיטגלידער אויף די ביכער און שפּילן ניט קיין שום געזעלשאַפטלעכע, אָרגאַניזאַציאָנעלע ראָל.

די פרויען־סעקציעס, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן אין משך פון די לעצטע דריי יאָר אין אַ צאָל ברענטשעס, האָבן באַוויזן צו פאַראינטערעסירן

אַ באַדייטנדע צאָל פרויען אין די פּראָבלעמען פון אָרדן, אין דער אָרגאַני־זאַציע בכלל. די פרויען־סעקציעס אין אונדזער אָרדן האָבן שוין אין זייערע ערשטע שריט באַוויזן, אַז דאָס איז די ריכטיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם, וואָס וועט קענען אַריינציען און אָרגאַניזירן די פרויען אין אָרדן. לײדער זיינען נאָך דאָ אַ סך מיספאַרשטענדענישן בנוגע דעם וואָס מיר דערוואַרטן פון די פרויען־סעקציעס. עס איז פאַראַן אַ טענדענץ צו פאַרוואַנדלען די פרויען־סעקציע אין אַ מין צוגאָב־ברענטש. דאָס איז שעדלעך, ווייל אויב דאָס וועט דורכגעפירט ווערן וועט פּאַסירן איינס פון די צוויי: אָדער מיר וועלן האָבן באַזונדערע פרויען־ברענטשעס, וואָס מיר ווילן ניט האָבן און וואָס אַרבעטן ניט; אָדער די פרויען וועלן ניט וועלן געהערן אין די פרויען־סעקציעס, ווייל זיי וועלן זאָגן, אַז די זעלבע אַרבעט קענען זיי דאָך טאָן אין ברענטש גופא. די פרויען־סעקציע טאָר ניט זיין קיין איבערחזרונג פונעם ברענטש און פונעם ברענטש־לעבן. די הויפּט־אויפגאַבע פון דער פרויען־סעקציע דאַרף זיין זעלבסטבילדונג אין דעם ברייטסטן זין פון וואָרט. מיר דאַרפן אָרגאַניזירן לייען־קרייזן, שטודיר־גרופּן, באַטאַגיקע אוניווערזיטעטן. מיר דאַרפן פאַרשפּרייטן ליטעראַטור, וואָס איז ספּעציעל צוגעפּאַסט פאַר די פרויען, בראָשורן וואָס זאָלן אויפוועקן דעם זעלבסטבאַוואוסטזיין פון דער פרוי, דורך דעם וואָס מיר וועלן זיי באַקענען מיטן לעבן און שאַפן פון די פרויען, וואָס האָבן ביינעטראָגן צו דער אַלמענטשלעכער קולטור אויף אַלע געביטן: אין קאַמף פאַר פרויען־רעכט, אין די פרייהייט־באַוועגונגען, אין די קאַמפן פון די אַרבעטער־מאַסן, אין ליטעראַטור, וויסנשאַפט, א. אַז. וו. מיר האָבן שוין אפילו אָנגעפאַנגען צוגרייטן ספּעציעלע ליטעראַטור פאַר אָט־די פרויען־סעקציעס. די ערשטע שריט אין דער ריכטונג האָבן מיר געמאַכט מיטן אַרויסגעבן אַ ביאָגראַפיע פון קלאַראַ צעטקין, אַ בראָשור וועגן דער פרוי פון גינע מעדעם און נאָך 4 ביאָגראַפיעס פון פרויען־העלדינס, וואָס דערשיינען אינגיכן.

די צווייטע וויכטיקע אויפגאַבע איז פּאָפּולאַריזירן דעם אָרדן צווישן די פרויען, אַריינציען זיי אין אונדזער אַלגעמיין לעבן, אין אונדזערע אַלגעמיינע טעטיקייטן, אַרויסרוקן די פרוי אין דער פירערשאַפט, סיי אין ברענטש, סיי אין די שטאָט־קאָמיטעטן, סיי אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע. אויב מיר וועלן דאָס דורכפירן ווי געהעריק וועט דאָס זיין אַ סטימול פאַר נייע טויזנטער פרויען זיך אָנצושליסן אָן אונדזער אָרדן, ווייל זיי וועלן זען אין אונדזער אָרדן דעם פּלאַץ וואו זיי קענען זיך אויסלעבן געזעלשאַפטלעך און קולטורעל.

די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע, די שטאָט־קאָמיטעטן און די ברענטשעס וועלן דאַרפן שענקען אַ סך מער אויפמערקזאַמקייט ווי ביז איצט צו אָט־דער פראַגע.

די קינדער־סעקציע

כאָטש די אידישע סעקציע אינעם אָרדן פאַרמאָגט אַ דריטל פון דעם אָרדנס מיטגלידערשאַפט, איז אָבער דער פּראָצענט פון קינדער פון דער

אידישער סעקציע אין דער קינדער־סעקציע זייער א קליינער. עס איז אמת, אז מיר קענען געפינען א בארעכטיקונג אין דעם פאקט, וואס מיר האבן ארום 7,000 קינדער אין די קינדער־שולן פונעם ארדן, און אז די הויפט־טעטיקייט ארום דער קינדער־באוועגונג איז ארום אונדזערע קינדער־שולן. ניט קוקנדיק אף דעם אלעם איז דאס אבער זייער א גרויסער בלויז אין אונדזער ארבעט. און עס דארף זיך פאר אונדז שטעלן די פראגע: איז ניט מעגלעך, אז די 7,000 קינדער אין אונדזערע שולן זאלן זיין אנגעשלאסן אן דער קינדער־סעקציע פון ארדן? דאס איז זייער א וויכטיקע פראגע און אונדזער צוזאמענפאר דארף זי ערנסט באהאנדלען. די פראגע איז, אגב, ניט קיין נייע. זי איז באהאנדלט געווארן בא דער לעצטער קאנווענשאן פון אונדזער ארדן און אויך באם צוזאמענפאר פון די שולן. אונדז האט זיך געדאכט, אז די שפראך־פראגע שטערט צו ארגאניזירן די קינדער־ברענטשעס פון ארדן. אבער די פראגע איז שוין לאנג געלייזט געווארן. דער באשלוס פון דעם לעצטן צוזאמענפאר איז געווען, אז די קינדער־ברענטשעס זאלן אנפירן זייער ארבעט אין וועלכער שפראך זיי געפינען פאר נויטיק, און דארט וואו עס איז מעגלעך, זאל די ארבעט פון דעם קינדער־ברענטש דירעקט פארבונדן ווערן מיט דער שול־ארבעט. דאס מיינט, אז אין אט־די פאלן זאל די שפראך פונעם קינדער־ברענטש זיין אידיש. מיר האבן געמיינט, אז דערמיט האבן מיר די פונדאמענטאלע פראגע שוין געלייזט. אבער ביז איצט האבן מיר נאך אלץ זייער וויניק דערגרייכונגען אף דעם געביט.

עס איז דערפאר נויטיק בא דעם צוזאמענפאר גענוי באטראכטן און אנאליזירן די ארבעט פון אונדזערע קינדער־ברענטשעס און אונדזער אנטייל אין אט־דער ארבעט און קומען צו געוויסע אויספירן, וועלכע מיר זאלן מיט דער פולסטער ענערגיע דורכפירן גלייך נאכן צוזאמענפאר.

יוגנט־סעקציע

די פראגע פון אונדזער יוגנט־סעקציע איז ניט קיין נייע, אבער מיר דארפן זי באם היינטיקן צוזאמענפאר באטראכטן אין א נייעם ליכט. זינט דער ארדן עקזיסטירט האבן מיר אויפגעבויט א יוגנט־סעקציע פון ארום 3,000 מיטגלידער. אין דער זעלבער צייט האבן מיר אינעם גאנצן ארדן ארום 15,000 מיטגלידער פון יוגנט־עלטער. די פראבלעם איז דעריבער: ווי אזוי מאכן מיר, אז אט־די 15,000 מיטגלידער זאלן ווערן אן אקטיווער כח, זאלן זיך באטייליקן אין דעם לעבן און אין די טעטיקייטן פון דעם ארדן? — א זאך, וואס זיי האבן ביז איצט לחלוטין ניט געטאן.

דער ארדן קומט דעריבער מיט א רעקאמענדאציע, אז מיר זאלן אויפלייזן די איצטיקע יוגנט־ברענטשעס און אנשטאט דעם גרינדן יוגנט־דיוויזיעס בא יעדן דערוואקסענעם ברענטש. א ברענטש, צום ביישפיל, פון א פאר הונדערט מיטגלידער, האט זיכער אין זיינע אייגענע רייען א פאר צענדליק יוגנטלעכע, וועלכע קענען ארגאניזירט ווערן אלס א יוגנט־דיוויזיע, וועלכע זאל פינאנציעל און ארגאניזאציאנעל זיין א טייל פונעם דערוואקסענעם

ברענטש, וועלכער זאָל אָבער אָנפירן יוגנטלעכע אַקטיוויטעטן און זאָל אַזוי אַרום קענען אַריינציען די יוגנט פון דעם געגנט אָדער דער שטאָט. די איצטיקע 18,000 יוגנטלעכע מיטגלידער קענען אַזוי אַרום ווערן אַ מעכטיקער כח צו אַנטוויקלען אַ ברייטע פראַטערנאַלע יוגנט־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אין פאַרבינדונג מיט דעם שווימט אַרויף אַן אַנדער פראַגע : ביז איצט האָבן די יוגנט־ברענטשעס געהאַט אין זייערע רייען מיטגלידער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. דער ברענטש האָט דעריבער פונקציאָנירט אויסשליסלעך אַלס אַן אַמעריקאַנער ברענטש, ניט אויפנעמענדיק קיין שום פראָבלעמען פון די נאַציאָנאַליטעטן, פון וועלכע ער איז באַשטאַנען. איצט אָבער, אַז עס וועלן אָרגאַניזירט ווערן יוגנט־דיוויזיעס פון אידישע ברענטשעס, וועלן די יוגנט־דיוויזיעס דאַרפן ראַדיקאַל ענדערן זייער אָריענטאַציע. זיי וועלן דאַרפן אויפנעמען אידישע פּראָבלעמען, זיי וועלן דאַרפן ווערן אַקטיוו אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם, זיי וועלן דאַרפן בכלל מער צובינדן די אידישע יוגנט צו די אידישע מאַסן, זייער קולטור און ליטעראַטור. מיר קענען זיך אַפילו פאָרשטעלן, אַז אייניקע יוגנט־דיוויזיעס זאָלן האָבן אַ ספּעציעלע טעטיקייט פון לייענען אידישע צייטונגען, אידישע ביכער, שטודירן אידישע געשיכטע, א. אַז. וו. אייניקע יוגנט־דיוויזיעס קענען אַפילו אָנפירן זייערע מיטינגען אַף אידיש. דאָס איז זייער אַ ברייטע טעמע און פאָדערט אַ גרינטלעכע דיסקוסיע.

ענגליש־אידישע ברענטשעס

אַן ענלעכע פּראָבלעם, וואָס איז לעצטנס אַרויסגעשוואומען, איז די פּראָבלעם פון ענגליש־רעדנדיקע אידישע ברענטשעס. מיר פאַרמאָגן צווישן 8 און 10 טויזנט אידישע מיטגלידער אין דער ענגלישער סעקציע. אָט־די אידישע מיטגלידער זיינען מערסטנס אַמעריקאַניזירטע עלעמענטן און אַ טייל פון זיי אַמעריקאַנער־געבוירענע. אָט־די עלעמענטן קענען זיך ענגער פאַרבינדן מיט די גרויסע מאַסן אַמעריקאַניזירטע און אַמעריקאַנער־געבוירענע אידן דאָ אין לאַנד. זיי וועלן אַמבעסטן אָבער זיך קענען פאַרבינדן מיט אָט־די עלעמענטן דעמאָלט, ווען זיי וועלן שענקען מער אויפמערקזאַמקייט צו די פּראָבלעמען פון אידישן לעבן. איצט, זייענדיק אַ טייל פון דער ענגליש־רעדנדיקער סעקציע, האָבן זיי זיך, מיט זייער קליינע אויסנאַמען, אָפּגעגעבן צו אַלע אַלגעמיינע פּראָבלעמען פונעם אָרדן און האָבן פאַרגעסן, אַז זיי האָבן ערנסטע פּראָבלעמען, וואָס רירן אָן די אידישע מאַסן דאָ אין לאַנד. ווי אַזוי איינצושטעלן אַן ענגערע פאַרבינדונג צווישן דער אידישער סעקציע און אָט־די ברענטשעס ? וואָס זאָל זיין די שטעלונג פון אָרדן צו די, וואָס ווילן זיך אָרגאַניזירן אין ענגלישע ברענטשעס, אָבער ווילן זיין פאַרבונדן מיט דער אידישער סעקציע ? אָט־די פראַגן דאַרפן מיר באַם היינטיקן צוזאַמענפאָר זייער ערנסט דיסקוטירן.

דאָס איינפירן מאָנאַטלעכע צאָלונגען

ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס אין פּראָצעס פון דורכפירן די מאָנאַטלעכע, אַנשטאָט די דריי־מאָנאַטלעכע צאָלונגען, האָבן מיר פאַרלוירן אַ באַדייטנדיקע צאָל מיטגלידער, דאַרפן אָבער די חברים דערלעגאַטן וויסן, אַז דאָס איז געווען אַ נוצלעכע און נויטיקע רעפאָרמע. זי האָט געראַטעוועט צענדליקער טויזנטער דאָלער, וואָס די ברענטשעס פלעגן צאָלן פאַר אויסגעשלאָסענע מיטגלידער. זי וועט סוף כל סוף פיל בעסער סטאַביליזירן די צאָלונגען פון די מיטגלידער און די מיטגלידערשאַפט בכלל אין דער אידישער סעקציע. מיר ברענגען דאָ די פראַגע נאָכאַמאָל בלויז דערפאַר, וואָס מיר ווילן אויסמיידן, אַז די פראַגע זאָל ווידער און אָבער אַמאָל אויפקומען אין די ברענטשעס. אודאי איז דאָ וואָס אויסצובעסערן. עס קען זיין, אַז מען דאַרף מאַכן ענדערונגען אין די ברענטש־ביכער. אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך אויסצובעסערן וועלן מיר אויסבעסערן. אָבער זאָל פאַרשטאַנען ווערן, אַז מיר וועלן ניט גיין צוריק צו די אַלטע דריי־מאָנאַטלעכע צאָלונגען. און עס איז צייט, אַז מיר זאָלן אויפהערן צו דיסקוטירן די פראַגע צי איז די רעפאָרמע אַ גוטע אָדער אַ שלעכטע, נאָר ווי אַזוי זי בעסער דורכצופירן אין לעבן. אַלע 15 שפּראַך־סעקציעס האָבן די זעלבע פאָרמע פון מאָנאַטלעכע צאָלונגען. די אידישע סעקציע קען אין דעם פּרט ניט זיין קיין אויסנאַם. מיר דאַרפן בלויז ענדערן אונדזער באַציאונג און האַלטן אין גערענק, אַז דערמיט וואָס דער נאַציאָנאַלער אָפיס האָט אַרונטערגענומען די פינאַנציעלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם אינדיווידועלן מיטגליד פון דעם ברענטש, האָט דער ברענטש דערמיט נאָך ניט פאַרלוירן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויפצופּאַסן, אַז דער מיטגליד זאָל ניט ווערן סוספּענדירט, און אודאי ניט אויסגעשלאָסן. די ברענטשעס דאַרפן זען, אַז די אומזיסטע פאַרלוסטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די ערשטע צוויי יאָר, זאָלן זיך ניט איבערחזרן היינטיקס יאָר.

אונדזער פינאַנציעלער בייטראַג צו דער אַרבעטער־באַוועגונג

אין די לעצטע דריי יאָר, פיל מער ווי אין די ערשטע יאָרן, איז די אידישע סעקציע פון אָרדן געווען דער גרעסטער שטיצער און אויפהאַלטער פון דער „מאָרגן־פרייהייט". עס קוקט אויס כמעט ניט־גלויבלעך, אָבער דאָס זיינען די אמתע ציפערן: די ברענטשעס פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן האָבן אין די לעצטע דריי יאָר, אין די דריי געלט־קאַמפּאַניעס, געזאַמלט פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט" אַרום $120,000. צורעכענענדיק דעם פרעסע־שטייער, וואָס האָט אין די דריי יאָר באַטראָפן אַרום $50,000, מיינט עס, אַז די אידישע סעקציע האָט בייגעטראָגן צו דער „מאָרגן־פרייהייט" קרוב צו $175,000. מיר מעגן באמת שטאָלצירן און זיין צופרידן, חברים, וואָס מיר זיינען געוואָרן דער שטאַרקסטער כח צו העלפן אויפהאַלטן די צייטונג, וועלכע האָט געשפּילט און שפּילט זייער אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם לעבן פון די

אידישע ארבעטער, א ציטונג וועלכע האט געשפּילט זייער א וויכטיקע ראָלע אין דער אָרגאַניזירונג און אויפבויאונג פון אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן.

רעדנדיק וועגן דער „מאָרגן־פרייהייט" קענען מיר ניט פארבייגיין דעם פאקט, וואָס ניט קוקנדיק אף דעם, וואָס די „מאָרגן־פרייהייט" דינט אַזוי געטריי דעם אָרדן, ניט קוקנדיק אף דעם, וואָס זי גיט אָפּ צוויי פולע זייטן יעדע וואָך—די „טריבונע" פונעם אָרדן—און א סך אנדערע מאטעריאַלן ווען עס איז נאָר נויטיק, סיי כדי אויפצונעמען די פּראָבלעמען פון אונדזער אָר־גאַניזאַציע, סיי כדי צו פּאָפּולאַריזירן דעם אָרדן צווישן די אידישע ארבעטער, ניט קוקנדיק אף דעם מוזן מיר לײדער פעסטשטעלן, אַז אַרום 50 פּראָצענט מיטגלידער פון אונדזער סעקציע לייענען ניט די „מאָרגן־פרייהייט". דאָס איז ניט נאָר א גוואַלטיקער שאָדן פאר דער „מאָרגן־פרייהייט", דאָס איז אויך א גוואַלטיקער שאָדן און פארלוסט פארן אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן. פונעם שטאַנדפּונקט פונעם אָרדן זעלבסט איז נויטיק, אַז אונדזערע מיטגלידער זאָלן זיין אַלזייטיק באקאַנט מיט דעם וואָס עס קומט פאָר אינעם אָרדן, מיט די קאַמפּאַניעס פונעם אָרדן, און די באַקאַנטשאַפט קענען זיי באַקומען בלויז דעמאָלט, ווען זיי וועלן לייענען די ציטונג, אין וועלכער עס שפּיגלט זיך אָפּ דאָס לעבן און די טעטיקייט פון דעם אָרדן. עס איז נויטיק דערפאר, אַז די איצטיקע קאָנווענשאָן זאָל ארויסלאָזן אן ערנסטן רוף צו אונדזער גאַנצער אָרגאַניזאַציע דורכצופירן א ברייטע אידעאָלאָגישע קאַמ־פּאַניע, כדי צו דערגרייכן יעדן איינציקן מיטגליד פון אונדזער אָרדן פאר דער „מאָרגן־פרייהייט". איינציקע פארזוכן זיינען געמאַכט געוואָרן אין פאר־לויף פון די לעצטע דריי יאָר אין פארבינדונג מיט די וועכנטלעכע און צוויי־וועכנטלעכע סובסקרייבער און יענע פארזוכן זיינען געווען גאַנץ דערפאָלגרייך. מיר דארפן בלויז פירן אָט־די אַקציע סיסטעמאַטישער און גרינטלעכער און מיר וועלן דערגרייכן אַמווייניקסטנס 4־5 טויזנט נייע לייענער אינעם אָרדן גופא. 4־5 טויזנט נייע לייענער וואָלטן געמיינט, אַז מיר וואָלטן ניט נעדארפט אָנפירן אַזויפיל נעלט־קאַמפּאַניעס פאר דער „מאָרגן־פרייהייט". עס איז נויטיק, אַז אונדזער אַקטיוו זאָל פארשטיין, אַז ווען מיר וואָלטן אַוועקגעגעבן די זעלבע ענערגיע צו באַקומען נייע לייענער, וואָס מיר גיבן אַוועק אף זאַמלען דאָס געלט, וואָלט ניט נאָר די לאַגע פון דער „מאָרגן־פרייהייט" היינט געווען א פיל בעסערע, נאָר די לאַגע פון דעם אָרדן וואָלט געווען א פיל בעסערע. אונדזערע איינענע דערפאָלגן וואָלטן געווען באַדייטנדיקערע און גרעסערע.

אינעם אָרדן האָבן מיר אויך דורכגעפירט אין משך פון די דריי יאָר זאַמלונגען פארן „דיילי וואָירקער". לײדער האָבן מיר ניט די ציפערן וויפיל די אידישע סעקציע האָט געזאַמלט, אָבער מיר זיינען זיכער, אַז אויך דאָרטן איז אונדזער בייטראָג געווען אין די טויזנטער.

אונדזער אידישע סעקציע האָט פּראָפּאָרציאָנעל זייער גוט בייגעטראָגן צו דעם פאָנד צו העלפן די שפּאַנישע לאָיאַליסטן אינעם קאַמף קעגן פאַשיזם. א צאָל אידישע ברענטשעס האָבן דורכגעפירט ספּעציעלע אונטערנעמונגען פאר שפּאַניע. איינציקע ברענטשעס האָבן געשאַפן זייער באַדייטנדיקע סומען. אויך וועגן דעם האָבן מיר ניט קיין באַזונדערן חשבון, ווייל די געלטער זיינען

אריינגעשיקט געוואָרן צום אַלגעמיינעם פאָנד, וואָס דער אָרדן האָט געקליבן. מיר קענען בלויז פאַרזיכערן, אַז די אידישע ברענטשעס האָבן געטאָן זייער פליכט אין אָט־דער וויכטיקער אַרבעט.

אין די לעצטע דריי יאָר זיינען אויך פאָרגעקומען זייער וויכטיקע קאַמפן. אין די לעצטע דריי יאָר איז אויפגעבויט געוואָרן די מעכטיקע אינדוסטריעלע טרייד־יוניאָן באַוועגונג, די „סי. איי. אָ.". ניט נאָר דער אָרדן אַלס אַ גאַנצער, נאָר די אידישע סעקציע פון איר זייט האָט פיל בייגעטראָגן; האָט געבראַכט פיקעטס אױף דער פיקעט־ליין, האָט זיך באַטייליקט אין די גרויסע סטרייקס, און האָט אויך געזאַמלט באַדייטנדיקע פאָנדן צו העלפן אויפבויען די יוניאָנס און העלפן ברענגען די סטרייקס צו אַ דערפאָלגרייכן זיג.

V. קולטור־טעטיקייט אין די לעצטע דריי יאָר

קולטור־אַרבעט איז בײַ אונדז ניט געווען סתם אַ באַפּוצונג, כדי יוצא צו זיין פאַר דער וועלט. קולטור־אַרבעט — האָבן מיר קלאָר פאַרשטאַנען — דאַרף ווערן דער סאַמע עיקרדיקסטער באַשטאַנד־טייל פון אונדזער גאַנצער אַרבעט, אָן וועלכן דער אָרדן קען ניט אויסקומען. פאַרנאַכלעסיקן קולטור־אַרבעט, מיינט לאָזן אונדזער אָרגאַניזאַציע ווערן נאָך אַ בענעפיט־סאָסייעטי אױף דער אידישער גאַס.

ווען מיר זיינען אָבער געקומען צום דורכפירן אָט־די צענטראַלע אויפגאַבע, האָבן מיר באַגעגנט גוואַלדיקע שוועריקייטן. מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אין דער אַלטער שעדלעכער ירושה אינעם אידישן לעבן אין אַמעריקע — איינגעוואָרצלטע טראַדיציעס פון ביטול און אַפּאַטיע בנוגע קולטור־אַרבעט.

פון איין זייט האָבן מיר געהאַט אַן אַקטיוו איבערגעגעבענע חברים, וואָס האָבן אָבער אַריבערגעטראָגן אַ שלעכטע באַציאונג פון אַרבעטער־רינג צו קולטור־אַרבעט. פון דער צווייטער זייט האָבן מיר געהאַט פאַר זיך אַ גרויסע אידישע מאַסע, וואָס האָט זיך דערצויגן אױפן באַרימטן „פאָרווערטס"־קאַלעדזש. קיין אידיש בוך האָט מען ניט געלייענט, קיין פאַרלעגער האָבן כמעט ניט עקזיסטירט, און די וואָס האָבן יאָ עקזיסטירט האָבן קיין נייע ביכער ניט אַרויסגעגעבן. אידישע שרייבער זיינען אַרומגעגאַנגען פול מיט פעסימיזם. אָנשטאָט צו בויען די אידישע קולטור האָט מען דיסקוטירט די פראַגע ווי לאַנג די אידישע שפּראַך און די אידישע קולטור וועלן לעבן. די אַלטע אָרגאַניזאַציעס, די וואָס האָבן פריער יאָ עפּעס געטאָן אױפן קולטורעלן געביט, ווי דער אַרבעטער־רינג, האָבן אויפגעהערט טאָן וועלכע עס איז אַרבעט. די איינציקע אױף אַן אמת וויכטיקע אַרבעט, וואָס איז יאָ אויפגעטאָן געוואָרן, איז געווען די קינדער־שול באַוועגונג. אָבער דאָס האָט מען אויך געטאָן צוליב דעם קאַמף קעגן די לינקע עלעמענטן און טיילווייז אַרויפגעצוואונגענערהייט.

די לינקע באַוועגונג, וועלכע האָט יאָ אָנערקענט די וויכטיקייט פון

קולטור־ארבעט צווישן די ברייטע אידישע מאסן, איז אָבער געווען אַזוי פאַרנומען אין צוריקשלײדערן די אַטאַקעס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן טאָג־איין און טאָג־אויס, סיי אין דער יוניאָן־באַוועגונג, סיי אין דער פּאָליטישער באַוועגונג, סיי אין דער פראַטערנאַלער באַוועגונג, אַז עס איז געבליבן זייער ווייניק צייט אָפּצוגעבן זיך מיט קולטור־טעטיקייט. אָבער אַפילו אונטער אָט־די זייער שווערע באַדינגונגען האָט די לינקע באַוועגונג אויפגעבויט פּרעכטיקע געזאַנג־פאַראיינען, אַן אָנגעזעענעם קונסט־טעאַטער, ארבעטער־אוניווערזיטעטן, אָרקעסטערס, און אַנדערע אינסטיטוציעס. עס זיינען אויך ארויסגעגעבן געוואָרן אַ באַדייטנדע צאָל ביכער, כאָטש מערסטן אָפּן חשבון פונעם שרייבער. דאָס זיינען געווען זייער גרויסע און וויכטיקע דערגרייכונגען אַף דעם קולטורעלן געביט. אָבער ווען מען פאַרגלייכט דאָס מיט דער קולטור־לאָזיקייט וואָס הערשט צווישן די ברייטע אידישע מאסן, ווען מען פאַרגלייכט עס צו די קולטורעלע נויטן, איז דאָס אַלץ ווי אַ טראָפּן אין ים.

דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער אָרדן און זיין אידישע סעקציע האָט גלייך פון אָנפאַנג אָן געפּרואווט ניט נאָר זיך אָפּגעבן מיט קולטור־ארבעט, נאָר פאַרטיפן און פאַרוואָרצלען אָט־די ארבעט. מיר האָבן געזוכט אריינברענגען אונדזער קולטור־טעטיקייט צווישן די טויזנטער מיטגלידער פונעם אָרדן, צווישן די אידישע מאסן בכלל. מיר מוזן זיך אָבער היינט מודה זיין, אַז כאָטש מיר קומען מיט אַ פיינעם סטאַזש פון וויכטיקע אויפטואונגען אַפן קולטורעלן געביט, זיינען מיר אָבער נאָך אַלץ ווייט הינטערשטעליק ניט נאָר אין פאַרגלייך מיט די קולטורעלע נויטן פון די ברייטע אידישע מאסן בכלל, נאָר אַפילו מיט די קולטורעלע נויטן פון די טויזנטער פירנדיקע חברים פון אונדזערע ברענטשעס, אַן ווען עס וואָלט דאָך ניט מעגלעך געווען אויפצובויען אונדזער אָרדן און דערגרייכן די ביז־איצטיקע אויפטואונגען.

דער אָרדן אַקטיוו אין די אידישע ארבעטער־אוניווערזיטעטן

אין די לעצטע דריי יאָר האָבן מיר באַוויזן צו פאַרוואַנדלען דעם אידישן ארבעטער־אוניווערזיטעט אין ניו יאָרק אין איינעם פון די וויכטיקסטע לערן־אַנשטאַלטן, וואָס די אידישע ארבעטער האָבן אויפגעבויט אין וועלכן עס איז ווינקל פון דער וועלט. איבער 2,200 מיטגלידער פונעם אָרדן האָבן זיך דאָרט געלערנט אין משך פון די דריי יאָר. אַ גרויסער טייל פון די סטודענטן האָבן ניט בלויז אויפגענומען די ספּעציעלע קורסן וועגן פראַטערנאַליזם, נאָר אויך אַ גאַנצע ריי אַנדערע קורסן, ווי פּאָליטישע עקאָנאָמיע, געשיכטע פון דער אידישער ארבעטער־באַוועגונג, מאַרקסיזם און אַנדערע.

שווער איז אונדז אָנגעקומען אויפצובויען אידישע ארבעטער אוניווערזיטעטן אין שיקאַגאָ, פילאַדעלפיע, באָסטאָן, לאָס אַנדזשעלעס, דעטרויט, פּיטסבורג און קליוולאַנד. אָבער דאָך פרייט אונדז היינט צו באַריכטן, אַז מיט דעם אויסנאַם פון איין און איינציקער שטאָט, קליוולאַנד, האָבן מיר האַיאָר אומעטום געהאַט פונקציאָנירנדיקע אידישע ארבעטער־אוניווערזיטעטן. אין אַנדערע בעסער, און אין אַנדערע שוואַכער. שיקאַגאָ האָט דאָס יאָר

אַנגעהויבן גיין אין די פּוס־טריט פון ניו יאָרק. אַ גרויסע צאָל סטודענטן האָבן דאָרט געלערנט. אונדזערע שיקאַגער חברים דאַרפן די אינסטיטוציע האַלטן טייער, זי אַנטוויקלען, פאַרטאָפּלען די צאָל סטודענטן און פאַרמערן די צאָל קורסן.

מיר קענען נאָך אויך צוגעבן, אַז נוארק האָט דאָס יאָר געמאַכט אַ גוטן אָנפאַנג מיטן אָרגאַניזירן צוויי קורסן. לאָמיר האָפן, אַז די צוויי קורסן וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטענדיקן אידישן אַרבעטער־אוניווערזיטעט קומענדיקן סעזאָן.

מיר האָבן אָבער אויך אַ צאָל וויכטיקע חסרונות, וואָס מיר דאַרפן באַלד פאַרבעסערן. ניט אויפגעבנדיק דעם געדאַנק פון פאַרוואַנדלען אונדזערע אַרבעטער־אוניווערזיטעטן אין מאַסן־אינסטיטוציעס, וואָס זאָלן דערגרייכן טויזנטער סטודענטן יעדן סעמעסטער, מוזן מיר אָבער פאַרטיפן דאָס לערנען. מיר מוזן זען, אַז ווען אַ מיטגליד נעמט אויף אַ קורס זאָל ער דאַרפן זיך צוגרייטן, אָפּגעבן עקזאַמען, טאָן אַרבעט, האָבן אַן ערנסטע באַציאונג צום לערנען. ער טאָר ניט אַרויסגעלאָזט ווערן פונעם אוניווערזיטעט אָן אַן עקזאַמען. מיר מוזן אים אויך אָנווייזן וועלכע קורסן ער דאַרף נאָך אויפנעמען, כדי צו באַפעסטיקן זיין וויסן.

מיט איין וואָרט: די אַרבעטער־אוניווערזיטעטן דאַרפן אָוועקגעשטעלט ווערן אַלס פּראָפעסיאָנעלע לערן־אינסטיטוציעס אַף ווי ווייט דאָס איז מעגלעך אונטער אונדזערע באַדינגונגען. דער ניו יאָרקער אוניווערזיטעט וועט דאַרפן פאַר דעם צוועק באַדינען די אוניווערזיטעטן איבערן לאַנד, פיל מער ווי ער האָט עס געטאָן ביז איצט.

לאָמיר שוין אויך דערציילן אונדזערע דעלעגאַטן, אַז מיר האָבן דורכגעבראָכן די וואַנט פון גלייכגילטיקייט מצד אונדזערע אָנפירנדיקע חברים צו דער פראַגע פון לערנען זיך. מיר האָבן היינטיקס יאָר דורכגעפירט אַ קורס פון 20 שבתים מיט די מיטגלידער פונעם ניו יאָרקער שטאָטישן קאָמיטעט און דיסטריקט־קאָמיטעטן און באַם אָפּשלוס פון קורס האָבן אַ סך אָנפירנדיקע חברים זיך מודה געווען, אַז זיי זעען ערשט איצט איין ווי וויכטיק דאָס לערנען איז פאַר זיי געווען.

„וויק־ענד" קורסן, שטודיר־גרופּן און לייען־קרייזן

אין די לעצטע דריי יאָר האָבן מיר אויך דורכגעפירט „וויק־ענד" קורסן כמעט אין אַלע וויכטיקע צענטערן פון לאַנד. זיי זיינען דורכגעפירט געוואָרן פון אָנפירנדיקע חברים פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע. אין אָט־די קורסן זיינען אַממערסטנס אַריינגעצויגן געוואָרן די מיטגלידער פון די שטאָטישע קאָמיטעטן און אַ צאָל מיטגלידער פון די עקזעקוטיוועס. מיר האָבן אויך דורכגעפירט אַזעלכע „וויק־ענד" קורסן אין מאָנטרעאָל און אין טאָראָנטאָ אַף דעם פאַרלאַנג פון דעם קאַנאַדער אַרבעטער־רינג און פון דער „לייבאָר־ליג". די חברים זיינען געווען גוואַלדיק צופרידן און באַגייסטערט פון אָט־די קורסן. אמת, עס איז שווער אין 10־12 שעה, אָפּטמאָל אין איין טאָג,

פאַר די סטודענטן צו פאַרדייען אַזויפיל מאַטעריאַל. מיר האָבן אפשר ניט צוגעגרייט גענוג פאַרבאַרייטונג־מאַטעריאַל, איידער מיר האָבן דעם קורס דורכגעפירט. דאָס זיינען חסרונות, וואָס מיר וועלן דאַרפן אויסבעסערן. אָבער סיי פון אונדזער אייגענער דערפאַרונג און סיי פון די באַריכטן פון די אַנדערע חברים, וואָס האָבן די קורסן אָנגעפירט, ווייסן מיר, אַז דאָס האָט פיל בייגעטראָגן צו דער פאַרשטענדעניש וועגן אונדזער אָרדן.

אין אַ צאָל שטעט האָבן די פּראָווינץ־סעקציעס אָרגאַניזירט לייען־קרייזן און שטודיר־גרופּן. אין אייניקע שטעט פאַנגען די קרייזן אָן צו ווערן אַן אמתער דערפאָלג.

ווייניקער דערפאָלג פאַרצייכענען מיר אַפן געביט פון שטודיר־גרופּן. אָבער אַ צאָל אַזעלכע גרופּן עקזיסטירן. עס דאַרף זיין אונדזער אויפגאַבע אויסצוברייטערן סיי די לייען־קרייזן, סיי די שטודיר־גרופּן. דאָס דאַרף זיין אַ וויכטיקע אַרבעט ניט נאָר פון די פּראָווינץ־סעקציעס, נאָר פון אונדזערע בראַנטשעס בכלל.

קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס־פאַרלאַג

די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע ברענגט אונדזער פערטן צוזאַמענפאָר אַ פּרעכטיקע מתנה, אַ יונגן צווייג פון אונדזער גרויסער משפחה — דער קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס־פאַרלאַג פון אונדזער אָרדן.

דער פאַרלאַג איז בלויז איין יאָר אַלט און דאָך האָט ער גרויסע אויפטואונגען צו פאַרצייכענען, פיל גרעסערע ווי מיר האָבן זיך דערוואַרט פאַרצושטעלן. אונדזער פאַרלאַג איז געגרינדעט געוואָרן, כדי אויסצופילן אַ גאַרוויכטיקן בלויז אין דעם קולטור־לעבן פון די אידישע מאַסן. אין גאַנץ אַמעריקע עקזיסטירט ניט קיין איין גוט־פונקציאָנירנדיקער פאַרלאַג, וואָס זאָל סיסטעמאַטיש אַרויסגעבן ביכער פאַרן אידישן לייענער. דער קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס־פאַרלאַג האָט זיך געשטעלט אָט־די אויפגאַבע. ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אַרויסצוגעבן איין בוך אַ חודש — בעלעטריסטיק, ווויסנשאַפט, געשיכטע, ליטעראַטור־קריטיק, פּאָעזיע, פּובליציסטיק און אַנדערע. דער קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל ניט בלויז אַרויסצוגעבן ביכער, נאָר טאַקע צו אַנטוויקלען אַ ברייטע באַוועגונג צו פאַרשפּרייטן די ביכער צווישן די אידישע מאַסן.

דער פאַרלאַג האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו דערגרייכן אַ מינימום פון 5,000 סובסקרייבער. דאָס וואָלט אים געגעבן אַ געזיכערטע פינאַנציעלע באַזע אָנצוגיין מיט זיין אַרבעט.

מיר שטייען נאָך דערוויל זייער ווייט פון די 5,000 סובסקרייבער. וואָרשיינלעך האָבן מיר באַ היינטיקן טאָג צווישן 12 און 15 הונדערט סובסקרייבער. ניט קוקנדיק אָבער אַף דעם, האָט דער פאָלקס־פאַרלאַג דורכגעפירט זיינע פּלענער. אין פאַרלויף פון זיין עקזיסטענץ האָט ער אַרויסגעגעבן די פאָלגנדע ביכער און בראָשורן:

„לידער און פּאָעמעס" פון י. גרינשפּאַן.

„לאבזיק", 2טער טייל, פון באוועד פאווער.
„אמעריקע", 1טער טייל, פון י. סולטאן.
„אנטראפאלאגיע" פון דר. א. מאנדעל.
„וואטערטאון" פון מ. בלעכמאן.
„די פרוי" פון גינע מעדעם.
„נא פאסאראן" פון אהרן קורץ.
„אמעריקע", 2טער טייל, פון י. סולטאן.
„8 יאר פראלעטארישער פראטערנאליזם" פון ר. זאלצמאן.

אין דרוק געפינען זיך :

„4 פרויען־העלדינס" (מוטער דזשאונס, הערייעט ביטשער סטאו, עמא לאזארוס, און פרענסיס ראיט) פון ר. האלטמאן.
„אברהם גאלדפאדען" פון נחמן מייזיל.
„מענטשן און חיות" פון י. אפאטאשו.
„קאלאמביא דרעס קא." פון לייב סאברין.

אויסער די 13 ביכער און בראשורן האט אונדזער פארלאג צוגעגרייט דריי בענדער „מארקס, ענגעלס, לענין און סטאלין", די וויכטיקסטע ווערק פון די 4 גענ'יאלע ארבעטער־פירער און דענקער. זיי וועלן קירצלעך ארויין אין דרוק. אויך זיינען שוין גוטגעהייסן געווארן די פאלגנדע ביכער, וואס דארפן דערשיינען היינטיקס יאר : „געקליבענע דערציילונגען" פון א. מייזל. „געשיכטע פון די אידן אין אמעריקע" פון י. ב.ביילין. „בארג ארויף" פון מארטין בירנבוים. א באנד לידער פון מלכה לי. „די נייע אידישע ליטעראטור" פון משה כץ. „מיטגייער" פון צבי הירשקאן. און אויך א גאנצע ריי ביאגראפיעס, וואס זיינען באשטעלט געווארן בא א צאל שרייבער.

איידער דער פארלאג איז געגרינדעט געווארן, האבן מיר ארויסגעגעבן די פאלגנדע ביכער און בראשורן, זינט אונדזער דריטער קאנווענשאן :

„די שול פאר אייער קינד" פון ר. זאלצמאן.
„מענדעלע מוכר ספרים" פון א. ראזנצווייג.
„די ניין ברידער" פון א. ראבאי.
„צו דער געשיכטע פון דער פראטערנאלער באוועגונג" פון ר. זאלצמאן.
„קינד אן קייט" פון משה נאדיר.

ווי באשיידן מיר זאלן ניט וועלן זיין, מוזן מיר זאגן, אז דאס איז א רעקארד מיט וועלכן מיר קענען באמת שטאלצירן, א רעקארד מיט וועלכן קיין אנדער ארגאניזאציע אין אמעריקע קען זיך ניט פארגלייכן.

אף וויפיל אונדזערע ברענטשעס גיבן זיך אפ מיט פארשפרייטן ליטעראטור קען מען זען פון דער טאבעלע, וואס מיר גיבן דא (ציפערן גענומען פון אונדזער ניו יארקער בוך־קראם). ליידער האבן מיר ניט געקענט באקומען די ציפערן פון אלע אונדזערע שטאט־קאמיטעטן, כדי מיר זאלן האבן א פולשטענדיק בילד. אבער אט־די ציפערן פון פארקויפטער ליטעראטור גיבן אונדז אן אינטערעסאנט בילד.

חודש	1935 צאָל עקזעמפּלאַרן	1936 צאָל עקזעמפּלאַרן	1937 צאָל עקזעמפּלאַרן
יאַנואַר — — — —	7,240	7,687	12,065
פעברואַר — —	11,865	11,127	18,481
מערץ — — —	11,240	19,467	14,254
אַפּריל — — —	13,840	14,884	30,957
מאַי — — —	9,970	6,012	6,143
יוני — — —	11,470	7,037	10,159
יולי — — —	8,610	5,271	5,307
אויגוסט — —	9,340	7,091	5,696
סעפּטעמבער —	20,737	78,634	22,451
אָקטאָבער — —	20,735	15,603	24,560
נאָוועמבער —	13,265	13,085	12,316
דעצעמבער —	11,465	15,422	14,792
	161,500	201,320	177,181

אויך וועגן אונדזער ליטעראַטור־פאַרקויף דאַרפן מיר דאָ זאָגן, אַז דאָס זיינען גלענצנדע דערגרייכונגען ווען מיר פאַרגלייכן עס מיט אונדזערע ערשטע יאָרן און מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. אָבער ווען מיר באַטראַכטן דאָס אין ליכט פון דער לאַגע פונעם אידישן בוך אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, אין ליכט פון דער גרויסער נויטווענדיקייט, מוזן מיר זאָגן, אַז די דאָזיקע דער־גרייכונגען זיינען נאָך זייער ווייט פון אונדזער ציל.

לאָמיר אויך געדענקען, אַז אונדזער קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג מוז דער־גרייכן זיין ציל פון 5,000 סובסקרייבער און שפּעטער 10,000. מיר פּלאַנען, אַז יעדער סובסקרייבער זאָל קויפן אַ מינימום פון 2 ביכער אַ יאָר. דאָס אַליין וואָלט אונדז געגעבן אַ מינימום פון 20,000 פאַרקויפטע און פאַרוים־גאַראַנטירטע ביכער פון אונדזערע אויסגאַבן. דאָס וואָלט מעגלעך געמאַכט פאַר אונדז צו דרוקן אַ גרעסערע צאָל עקזעמפּלאַרן פון יעדן בוך און דאָס וואָלט אויך מעגלעך געמאַכט פאַר אונדז צו פאַרקויפן די ביכער פאַר די סאַמע נידעריקסטע פּרייזן. מיר וועלן דעריבער אינעם קומענדיקן יאָר דאַרפן אָנפירן אַן אינטענסיווע קאַמפּאַניע צו פאַרווירקלעכן אונדזער לאָזונג פון 5,000 סובסקרייבער. מיר וועלן דאַרפן דורכפירן אַ ברייטע אַגיטאַציע צווישן אונדזערע טויזנטער מיטגלידער, ניט נאָר צו קויפן אונדזערע ביכער, נאָר טאַקע די ביכער צו לייענען. מיר וועלן דאַרפן אָנפירן אַ ברייטע קאַמפּאַניע, אַז אַלע אונדזערע ברענטשעס זאָלן נאָך פאַרשטאַרקן דעם ליטעראַטור־פאַר־קויף. צום באַדויערן האָבן מיר נאָך אַ סך ברענטשעס, באַזונדערס אין די

קלענערע שטעט, וואָס גיבן זיך לחלוטין ניט אָפּ מיט פאַרשפּרייטן ליטעראַטור. אייניקע ברענטשעס האָבן אפילו ניט קיין ליטעראַטור־דירעקטאָרן. מיר דאַרפן אוועקשטעלן די פראַגע פון ליטעראַטור־פאַרקויף אַלס איינער פון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען אין אונדזערע ברענטשעס.

קולטור־אַרבעט אין די ברענטשעס

עס טוט אונדז לייד, וואָס מיר האָבן צום איצטיקן צוזאַמענפאָר ניט געקענט צוגרייטן קיין פולן סטאַטיסטישן באַריכט וועגן דער קולטור־אַרבעט אין די ברענטשעס אין משך פון די לעצטע דריי יאָר. ליידער האָבן די ברענטשעס און די שטאָט־קאָמיטעטן ביז איצט ניט געהאַלטן פאַר נייטיק צו רעגיסטרירן זייער קולטור־טעטיקייט. מיר מוזן זיך דערפאַר באַנוגענען מיט געבן אייניקע ציפערן, וואָס זיינען אויך ניט קיין פולע און וואָס נעמען אַרום בלויז אַ קורצן פּעריאָד. מיר האָבן טאַבולירט די קולטור־טעטיקייט פון אונדזערע ניו יאָרקער ברענטשעס פאַר די חדשים יולי, אויגוסט, סעפּטעמבער, אָקטאָבער און נאָוועמבער. די פאַקטן האָבן מיר אַרויסגענומען פון די נאָטיצן אין דער „מאָרגן־פרייהייט", וואָס די ברענטשעס גיבן אַריין וועגן זייער קולטור־טעטיקייט. לאָמיר דעריבער געדענקען, אַז ערשטנס גיבן אַ גרויסע צאָל ברענטשעס ניט אַריין קיין נאָטיצן וועגן זייער קולטור־טעטיקייט, און צווייטנס ווערן פיל נאָטיצן ניט געדרוקט צוליב מאַנגל אין פּלאַץ, און דריטנס האָבן מיר גענומען דריי פון די זומער־חדשים, וועלכע זיינען די שוואַכסטע אין אונדזער אָרגאַניזאַציע. פונדעסטוועגן איז דאָס אַ זעלטן בילד, וואָס ווייזט אַ סך פּראָגרעס אַפן געביט פון קולטור־אַרבעט אין די ברענטשעס.

אויסער זייערע אָרגאַניזאַציאָנעלע מיטינגען האָבן די ברענטשעס אין ניו יאָרק דורכגעפירט 418 קולטור־אָוונטן. פון די 418 זיינען 194 געווען קאָנצערטן, יום־טובדיקע מיטינגען, פייערונגען פאַר יחידים, און אַנדערע אַזעלכע מיטינגען. 161 זיינען געווען איבער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פראַגן, ווי פאַראייניקטער פראָנט, מלחמה און פאַשיזם, „לייבאָר פּאַרטיי" און פיל אַנדערע. 19 איבער וויסנשאַפטלעכע פראַגן. 33 פון אַ ליטעראַריש־מוזיקאַלישן כאַראַקטער און אַ צאָל פאַרשיידענע. ווען מען נעמט אָט־די ציפערן און מען פאַרגרעסערט זיי אויף 260 ברענטשעס, וואָס מיר האָבן איבערן לאַנד, באַקומט זיך דעמאָלט אַן אמת הערלעך בילד.

לעקציע־טורס

אין פאַרלויף פון די דריי יאָר האָבן מיר דורכגעפירט 6 נאַציאָנאַלע קולטור־טורס, וואָס האָבן אַריינגענומען דאָס גאַנצע לאַנד. דריי טורס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן מיט חבר אהרן קורץ, איין טור מיט ברוך גלאַזמאַן, איין טור מיט גינע מעדעם און דער לעצטער טור, וואָס ווערט איצט פאַרענדיקט, מיט נחמן מייזלען, דער רעדאַקטאָר פון די „ליטעראַרישע בלעטער" אין פּוילן.

אין די לעצטע דריי יאָר האָבן זיך כסדר איבערגעחזרט די פריערדיקע

דורכרייסן. אין דער צייט ווען אין די קלענערע צענטערן זיינען די טורס, מיט זייער קליינע אויסנאַמען, דערפאָלגרייך, זיינען זיי אין די גרעסערע צענ־טערן, אויך מיט זייער ווייניק אויסנאַמען, אַ דורכפאַל. פאַר אונדז איז שוין געשטאַנען זייער ערנסט די פראַגע וועגן אַרויסנעמען די גרעסערע צענטערן פון די לעקציע־טורס, ניט דערפאַר, ווייל זיי זיינען אין די שטעט ניט נייטיק, נאָר פשוט אַלס אַן אויסדרוק פון פּראָטעסט און כדי צו צווינגען אונדזערע חברים אין די גרעסערע צענטערן צו באַטראַכטן די פראַגע זייער ערנסט. ווייל מיר זיינען זיכער, אַז ווען די חברים אין די גרויסע שטעט וואָלטן געהאַט אַן ערנסטערע באַציאונג צו אָט־דעם טייל פון קולטור־אַרבעט, וואָלטן די רעזולטאַטן געווען גאַנץ אַנדערע.

היינטיקס יאָר, צום ערשטן מאָל, האָבן מיר געוואָלט אָרגאַניזירן אַ קאָנצערט־טור, אַ טור וואָס זאָל אַריינברענגען גרויס יום־טוב אין די שטעט און שטעטלעך. מיר האָבן שוין געהאַט געמאַכט פאָרבאַרייטונגען מיט דריי קינסטלער, אָבער לײדער האָבן מיר געמוזט דעם טור אויפגעבן, ווייל 90 פּראָצענט פון די שטעט האָבן פאַרלאַנגט, אַז דער קאָנצערט זאָל בײַ זיי פאָרקומען בלויז זונטיק און דאָס וואָלט געמיינט, אַז מיר וואָלטן געדאַרפט צו דעם טור דערלייגן ניט קיין הונדערטער, נאָר טויזנטער דאָלער.

פאַראייניקונג מיט די אידישע אַרבעטער־קלובן

אונדזער לעצטע קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן קלובן־טעטיקייט אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן. די פראַגע איז ברייט דיסקוטירט געוואָרן פאַר דער קאָנווענשאָן, אין די ברענטשעס און אין די שטאָט־קאָמיטעטן איבערן לאַנד. די רעזאָלוציע האָט אָנגעוויזן, אַז אויב מיר וועלן ניט אָרגאַניזירן קיין קלוב־לעבן אין דעם אָרדן, וועט ניט מעגלעך זיין דורכצופירן אונדזער קולטור־פּראָגראַם, וועט ניט מעגלעך זיין צו מאַכן דעם אינערלעכן קער אין די ברענטשעס, וואָס איז אַזוי לעבנסנייטיק פאַר דעם אָרדן אַלס אַ גאַנצן און פאַר אַלע זיינע שפּראַך־סעקציעס.

גלייך נאָך דער קאָנווענשאָן האָט מען זייער ערנסט אָנגעפאַנגען דיס־קוטירן די פראַגע וועגן אָרגאַניזירן צענטערן („צענטערן" אָפן לשון פון אָרדן האָט געמיינט קלובן). אין אַ ריי שטעט פון לאַנד, באַזונדערס אין ניו יאָרק און שיקאַגאָ, האָט די פראַגע אָנגעהויבן פאַרנעמען דאָס צענטראַלע פּלאַץ באַם דורכפירן די באַשלוסן פון דער קאָנווענשאָן. פאַר אונדז איז אויך געשטאַנען די פראַגע, וואָס זאָל זיין די באַציאונג פון די צענטערן פון דעם אָרדן צו די עקזיסטירנדע אידישע אַרבעטער־קלובן.

די פירערשאַפט פון די אידישע אַרבעטער־קלובן האָט דאַן געבראַכט די פּראָבלעם פאַר די קלובן־מיטגלידער, וועלכע זיינען אין דער גרויסער מאַיאָרי־טעט אויך געווען מיטגלידער פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, צי איז אפשר ניט ראַטזאַמער, טאַקע פאַר די אינטערעסן פון אויפבויען אַ ברייטע קלובן־באַוועגונג, אַז די עקזיסטירנדע קלובן זאָלן זיך אַריינגיסן אין די נעגנט־ברענטשעס פון דעם אָרדן און צוזאַמען מיט די נעגנט־ברענטשעס

בויען אַ ברייטע קלובן־באַוועגונג. זיי האָבן געפילט, אַז אַנשטאָט האָבן דעם אָנשפּאַר אויף 3,000 מיטגלידער וועלן די קלובן פּאַראייניקטערהייט זיך קענען אָנשפּאַרן אויף נאָענט צו 30,000 מיטגלידער.

ווען דער ענין איז געבראַכט געוואָרן צו דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון דעם אָרדן האָבן מיר ניט געהאַט וואָס אויסצוזעצן קעגן דעם פאָרשלאָג פון די קלובן־פירער. די פראַגע איז נאָכדעם ברייט דיסקוטירט געוואָרן צווישן דער קלובן־מיטגלידערשאַפט אין ניו יאָרק און שיקאַגאָ, און די קלובן־מיטגלידער האָבן כמעט איינשטימיק גוטגעהייסן אָט־די פאַראייניקונג. מיר מוזן דאָ אָבער פעסטשטעלן, אַז אין דער דורכפירונג פון דער פאַראייניקונג האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אָן אַ גרויסער צאָל שוועריקייטן און אַז די שוועריקייטן האָבן אַמווייניקסטן אין דעם ערשטן יאָר נאָך דער פאַראייניקונג געגעבן אַ קלאַפּ דער קלובן־באַוועגונג אין דעם אָרדן גופא.

די ערשטע שוועריקייטן האָבן מיר באַגעגנט ווען עס האָט זיך גע־האַנדלט וועגן אויסטייטשן די באַשלוסן פון דעם צוזאַמענפאָר. אייניקע פירער פון דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון אָרדן און די דיסטריקט־סעקרעטאַרן אין די וויכטיקסטע צענטערן פון לאַנד האָבן געהאַלטן, אַז די צענטערן דאַרפן זיין פיל־שפּראַכיקע, אַז די הויפּט־אַרבעט פון די צענטערן דאַרף זיין אין דער ענגלישער שפּראַך, אַז דאָרטן וואו עס איז ניט מעגלעך צו האָבן אַזעלכע צענטערן דאַרפן מיר בכלל קיין צענטערן ניט האָבן. די פראַגע איז אויך געשטאַנען: אונטער וועמעס פירערשאַפט זאָלן זיך די צענטערן געפינען? יענע אויסטייטשער האָבן געזאָגט, אַז די צענטערן האָבן גאָרניט צו טאָן מיט די שפּראַך־סעקציעס. מען האָט אפילו אויסגעטייטשט, אַז עס דאַרף ניט זיין קיין נאַציאָנאַלע פירערשאַפט אין די צענטערן, די דיסטריקטן אויף די ערטער זאָלן זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אָט־דער אַרבעט.

עס איז אויך געווען אַ פאַרלאַנג איבערצובויען די סעקציעס פון די קלובן, די געזאַנג־סעקציעס, דראַם־סעקציעס און אַנדערע קולטור־סעקציעס אויף דער ענגלישער שפּראַך און דאָס וואָלט נאַטירלעך אָפּגעטויט די קולטור־אַרבעט אויף די באַזונדערע שפּראַכן. מיר האָבן געדאַרפט וועגן דעם אָנפירן אַ לאַנגן קאַמף. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אַ סך גוטע צייט, די בעסטע חדשים ווען די שטימונג פאַר בויען די צענטערן אין דער אידישער סעקציע איז געווען אַ גוטע, איז פאַרלוירן געגאַנגען. אַנשטאָט צו טראַכטן ווי אַזוי ענערגישער דורכצופירן די פאַראייניקונג, ווי אַזוי בעסער צו רעאָרגאַניזירן די עקזיסטירנדיקע קלובן און אָרגאַניזירן נייע, האָט מען געחקירהט, אַז די אַלטע קלובן טויגן ניט, אַז מען דאַרף האָבן „קאָמיוניטי צענטערס״, אַזוי ווי „ווייז״, א. אז. וו.

דערצו איז די פאַראייניקונג פאַרצויגן געוואָרן אין די זומער־חדשים, אין אַ מאָמענט, ווען די פינאַנציעלע לאַגע פון די קלובן איז שטענדיק אַ שלעכטע. אין די פריערדיקע יאָרן, פלעגט דער געטרייער אַקטיוו, וואָס האָט אַרומגערינגלט די קלובן, דורכטראָגן די שווערע צייט מיט זיינע אייגענע כחות. איצט, נאָך דער פאַראייניקונג, האָבן זיי געוואָלט מיט איין מאָל אַרויפוואַרפן די גאַנצע לאַסט אויף די טעריטאָריעלע ברענטשעס.

די טעריטאריעלע ברענטשעס האבן זיך דעריבער דערשראקן. דערצו האט מען געמאכט א פאלשן שריט דערמיט, וואס מען האט געזוכט די קלובן צו פאראייניקן, ניט מיט איין באשטימטן טעריטאריעלן ברענטש, וועלכער געפינט זיך אין דער זעלבער טעריטאריע, נאר מיט א צענדליק ברענטשעס, ווייל מען האט דערוואַרט, אז 10 ברענטשעס וועלן קענען אויפטאן מער, כדי אויפצובויען דעם קלוב. דער רעזולטאט איז געווען, אז קיינער פון די ברענטשעס האט ניט געפילט קיין שום פאראנטווארטלעכקייט און די קלובן זיינען געבליבן אף הפקר.

אט די און נאך א סך אנדערע שוועריקייטן און טעותן האבן זייער פיל געשטערט אויפצובויען א פארצווייגטע קלובן־באוועגונג איבערן גאנצן לאנד. ביסלעכווייז איז אבער קלאר געווארן, אז די מיינונג, אז מיר מוזן בויען צענטערן אף דעם זעלבן גרויסן מאסשטאב ווי די „ווייז״, אז מען דארף ארייננציען אלע שפראך־ברענטשעס אין איין גרויסן צענטער, איז געווען א פאלשע. פון דער צווייטער זייט האבן מיר אויך געלערנט, אז קלובן קענען ניט לעבן אונטער דער פירערשאפט פון א סאך ברענטשעס. א מאקסימום צוויי ברענטשעס, צוזאמען מיט דער קינדער־שול, מיט דער יוגנט־דיוויזיע, מיטן קינדער־ברענטש, דאס דארף זיין דער קאמפלעקס ארגאניזאציעס, וואס קענען גרינדן און אויפבויען א צענטער.

ניט קוקנדיק אף דעם אלעם און ניט קוקנדיק אף דעם וואס מיר האבן געהאט א באזונדערס שווערן דורכבריס אין ניו יארק, עקזיסטירן היינט אין דער אידישער סעקציע 38 צענטערן. אט די 38 צענטערן זיינען נאך ווייט ניט דאס, צו וועלכן מיר האבן געשטרעבט. א גרויסער טייל פון זיי איז ניט אפן יעדן טאג אין דער וואך. אין א צאל פון אט־די צענטערן זיינען נאך ניט ארגאניזירט געווארן קיין דראמאטישע גרופן, געזאנג־סעקציעס, ספארט־סעקציעס א. אז. וו. מיר מוזן נאך צוגעבן, אז דער נאציאנאלער קלובן־אפאראט איז אפגעשוואכט געווארן, א צאל געוועזענע קלוב־טוער זיינען ביז גאר לעצטנס געשטאנען אן א זייט, און מיר האבן נאך ניט באוויזן צו אנטוויקלען נייע. די קלוב־קאמיסיעס אין די שטאט־קאמיטעטן זיינען נאך ניט יענער כח, וואס זיי דארפן און קענען זיין. אין א צאל שטאט־קאמיטעטן עקזיסטירן זיי אינגאנצן ניט. די נייע נאציאנאלע עקזעקוטיווע וועט דארפן אויפלעבן דעם נאציאנאלן אפאראט פאר קלובן־טעטיקייט, ארגאניזירן שטאטישע אפאראטן דארטן וואו זיי עקזיסטירן נאך ניט, און פארשטארקן זיי דארטן וואו זיי זיינען שוין דא. מיר זיינען זיכער, אז מיט דער איצטיקער קלארער פאליסי צו קלוב־טעטיקייט וועלן מיר זיין בכח אויפצובויען א ברייטע קלובן־באוועגונג אין דער אידישער סעקציע.

קאדרען

איינע פון די וויכטיקסטע פראגן וואס שטייט פאר דעם גאנצן ארדן, איז די פראבלעם פון קאדרען. מיר האבן אויפגעבויט א פרעכטיקע ארגאני־זאציע, מיר האבן אקטיוויסטן, וואס זיינען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן

צום אָרדן. אָבער אונדז פעלן פירער. מיר האָבן אַן אויסגעצייכנטע פּראָגראַם פון קולטור־טעטיקייט. נאָר זייער אָפּט פירן מיר אונדזערע קולטור־אַקציעס ניט דורך, דערפאַר ווייל אונדז פעלן אָנפירנדיקע כחות, אין די שטאָט־קאָמיטעטן, אין די דיסטריקט־קאָמיטעטן. מיר האָבן ניט קיין רעזערוו געשולטע טוער, וואָס זאָלן קענען פאַרנעמען פּאָזיציעס פון סעקרעטאַרן, פאַרזיצערס, קולטור־דירעקטאָרן אין די דיסטריקט און שטאָט־קאָמיטעטן. אונדזערע אידישע אַרבעטער־אוניווערזיטעטן האָבן אַרויסגעגעבן אַ צאָל טוער, זיי פאַרנעמען פירנדיקע פּלעצער אין די בראַנטשעס, אָבער — ווייט ניט גענוג. דער גרעסטער מאַנגל איז באַ אונדז איצט אין אָנפירנדיקע כחות פאַר די שטאָט־קאָמיטעטן. עס זיינען פאַראַן אַ צאָל שטעט, אין וועלכע די פירער פון די שטאָט־קאָמיטעטן זיינען ניט בכח אויסצושמידן אַ קאָלעקטיווע פירערשאַפט, אַ קאָלעקטיוון כח, וואָס זאָל קענען געבן אָנפירערשאַפט צו די בראַנטשעס און צו דער גאַנצער שטאָט. מיר נויטיקן זיך אין אַ צוגרייטונג־שול, וואָס זאָל פאַרוואַנדלען אַ צאָל פון אונדזערע טוער אין באמת פירנדיקע חברים, וואָס מיר דאַרפן אַזוי נויטיק האָבן אויף די ערטער. אונדזער בודזשעט האָט אונדז ביז איצט ניט דערלויבט צו אָרגאַניזירן אַזאַ שול. פונדעסטוועגן וועלן מיר דאָס איצט מוזן טאָן. ווי שווער עס זאָל ניט זיין, וועלן מיר דאַרפן אין די קומענדיקע צוויי יאָר אָרגאַניזירן אַ צוגרייטונג־שול מיט אַמווייניקסטנס 20 סטודענטן, וואָס זאָלן קענען פאַרנעמען אָנפירנדיקע פּאָזיציעס איבערן לאַנד.

דער אָרדן און דער „איקוף“

ליידער דערלויבט אונדז ניט דאָס פּלאַץ אַריינצוגיין אין אַן אויספירלעכער אָפּשאַצונג פון דעם אַלוועלטלעכן אידישן קולטור־קאָנגרעס, אין וועלכן אונדזער אָרדן האָט זיך באַטייליקט. מיר ווילן זיך דאָ אין קורצן אָפּשטעלן אויף דער ראָלע, וואָס אונדזער אָרדן האָט געשפּילט אין פּאַריז און אויף די אויפגאַבן וואָס שטייען פאַר אונדז אין דעם איצטיקן מאָמענט אין פאַרבינדונג מיט דעם אַלוועלטלעכן אידישן קולטור־פאַרבאַנד.

די אַמעריקאַנער דעלעגאַציע האָט אויפן וועלט־קאָנגרעס געשפּילט זייער אַ וויכטיקע ראָלע. זי האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַלע צווייגן פון דער אידישער קולטור אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און איז געקומען מיט אַ באַשטימטער פּראָגראַם פון אַקציע. זי האָט געהאָלפן דעם קאָנגרעס געפינען פאַר זיך זיין פּראַקטישן וועג, און אָננעמען באַשלוסן, וועלכע זאָלן זיין דורכפירבאַר. די אַמעריקאַנער דעלעגאַציע האָט אויך בייגעטראָגן צו דער פעסטער אייניקייט, וואָס האָט געהערשט אויפן קאָנגרעס.

לאָמיר אויך דערציילן, חברים, אַז ווען די דעלעגאַטן באַם קאָנגרעס האָבן געהאַט אויסגעהערט דעם באַריכט וועגן דער קולטור־טעטיקייט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, און וועגן זיינע שולן, זיינען זיי געווען גוואַלדיק באַגייסטערט. זיי האָבן פאַר זיך דערזען אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט פאַרצייכנט אויפן קולטורעלן געביט זייער אַ סך און זייער וויכטיקע

דערגרייכונגען. מיר האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו רעדן מיט אַ סך פּאַר־שטייער פון פאַרשיידענע לענדער און איך ברענג אייך זייער מיינונג, אַז עס איז ניטאָ נאָך אַ אידישע אָרגאַניזאַציע אויף דער וועלט, וואָס האָט אין די לעצטע 8 יאָר געטאָן אַזויפיל אַרבעט אויפן קולטורעלן געביט ווי מיר. און לאָמיר אונטערשטרייכן, אַז מיר האָבן אין יענע צוויי באַריכטן זיך ניט געזוכט צו באַרימען, ניט געזוכט איבערצוטרייבן. איר וועט געפינען קאָפּיעס פון אָט־די באַריכטן צווישן אייערע מאַטעריאַלן און מיר בעטן אייך זיי אויפמערקזאַם איבערלייענען, ווייל זיי שטעלן מיט זיך פאָר גענויע און דעטאַלירטע אָפּשאַצונגען. די קולטור־אַרבעט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן איז איצט באַקאַנט צו די וויכטיקסטע פאַרשטייער פון 23 לענדער. מיר באַקומען איצט צענדליקער בריוו פון די לענדער, אַז מיר זאָלן זיי שיקן אונדזערע לערן־ביכער, אונדזערע זשורנאַלן, א. אַז. וו. עס איז פאַר אונדז, חברים, געווען אַ גרויסער כבוד צו הערן אָט די קאָמפּלימענטן און מיר מעגן מיט זיי באמת שטאָלצירן.

חברים, אויף אונדז ליגן זייער גרויסע פאַרפליכטונגען. די דעלעגאַטן פון די 23 לענדער דערוואַרטן פון אונדז, אַז מיר זאָלן העלפן מיט אַלץ וואָס נאָר מעגלעך, דורכצופירן די באַשלוסן וואָס דער אַלוועלטלעכער קולטור־קאָנגרעס האָט אָנגענומען. די באַשלוסן זיינען געווען:

1) די אָרגאַניזירונג פון אַן אַלוועלטלעכן קולטור־פאַרבאַנד מיט 3 אינטערנאַציאָנאַלע קאָאָרדינירונג־צענטערן. איינער אין פּאַריז, דער צווייטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן און דער דריטער אין פּוילן.

2) צו עטאַבלירן אַ פאָלקס־פאַרלאַג מיט 50,000 אַבאָנענטן, פון וועלכן די אַמעריקאַנישע לענדער זאָלן צושטעלן 30,000.

3) צו העלפן דערגענטערן די באַזונדערע שול־אָרגאַניזאַציעס, וואָס עקזיסטירן אין די פאַרשיידענע לענדער, און ברענגען צו אַ פאַראייניקונג פון דער וועלטלעכער קינדער־שול באַוועגונג אין אַזויפיל לענדער ווי עס וועט נאָר מעגלעך זיין. ביז אַזאַ פאַראייניקונג וועט קומען, צו קאָאָרדינירן די טעטיקייט פאַר שול־ביכער, קינדער־זשורנאַלן און אַנדערע געמיינשאַפטלעכע אַרבעטן.

4) אויפבויען אַ פאָלקס־טעאַטער אין אַלע לענדער און שטיצן די בעסטע אידישע טעאַטערן וואָס עקזיסטירן שוין.

5) אויפוועקן דעם באַוואוסטזיין פון די ברייטע אידישע מאַסן פאַר דער אידישער קולטור און פאַר דער אידישער שפּראַך, ברענגען דאָס אידישע בוך צו די אידישע פאָלקס־מאַסן, אויפהויבן די חשיבות פון דער אידישער קולטור בא די ברייטע אידישע מאַסן.

דער קולטור־פאַרבאַנד אין אַמעריקע איז שוין אָרגאַניזירט. ער האָט שוין דורכגעפירט אייניקע זייער וויכטיקע אַקציעס. די טעג דערעפנט זיך די קאַמפּאַניע פאַר דעם אַלוועלטלעכן פאָלקס־פאַרלאַג אין אַלע 23 לענדער. אונדזערע ברענטשעס און אונדזערע מיטגלידער מוזן שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין העלפן אויפבויען דעם פאָלקס־פאַרלאַג. זיי דאַרפן שאַפן אַבאָנענטן ניט נאָר צווישן זייערע אייגענע מיטגלידער, נאָר צווישן די ברייטע אידישע

מאסן. זיי דארפן העלפן אויפבויען אונדזער אַרבעטער־טעאַטער, דעם „אַר־טעף“, העלפן דורכפירן די קולטור־חדשים וואָס דער קולטור־פאַרבאַנד אין אַמעריקע וועט אָרגאַניזירן. אין קורצן, מיר דאַרפן ווערן אַ וויכטיקע באַזע דורכצופירן די באַשלוסן פון דעם אַלוועלטלעכן אידישן קולטור־קאָנגרעס, אָרגאַניזירן די קולטור־קאָמיטעטן איבערן לאַנד, אַנטוויקלען די אידישע קול־טור און ליטעראַטור אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

צו באַווייזן, אַז מיר נעמען ערנסט די אַרבעט פאַר דער אידישער קולטור, לאָמיר אויפהויבן די חשיבות פון דער אידישער קולטור און פון דער אידישער שפּראַך אין אונדזערע אייגענע רייען. לאָמיר היינט אַרויסלאָזן דעם לאָזונג, אַז אין אונדזערע ברענטשעס, אין אונדזערע שטאַט־קאָמיטעטן, אין אונדזער גאַנצן אָרדן זאָלן מיר רעדן אַ שיינעם, אַ ריינעם אידישן לשון. זאָל די שפּראַך פון אונדזער טאָג־טעגלעכער אַרבעט אָפּשפּיגלען אונדזער אייגענע באַציאונג — ווי חשוב בא אונדז איז די אידישע שפּראַך און די אידישע קולטור.

VI. אונדזערע קינדער־שולן

אונדזערע קינדער־שולן האָבן אין די לעצטע 3 יאָר דורכגעמאַכט זייער אַ וויכטיקן פּראָצעס — זיי האָבן זיך קאָנסאָלידירט און פאַרפעסטיקט. מיר קומען ניט צו דעם איצטיקן צוזאַמענפאָר מיט קיין גרעסערער צאָל שולן, אָדער מיט אַ גרעסערער צאָל קינדער. ניין, מיר קומען אָבער מיט באַ־פעסטיקטע פּאָזיציעס סיי אינערלעך, סיי אויסערלעך. מיר זיינען נאָך אַלץ די גרעסטע אידישע שול־באַוועגונג אין לאַנד אין פּרט פון דער צאָל קינדער (כאָטש דער אַרבעטער־רינג האָט אַ גרעסערע צאָל שולן ווי מיר האָבן).

צו דעם לעצטן צוזאַמענפאָר האָבן מיר באַריכטעט וועגן 148 שולן. היינט פאַרמאָגן מיר 105 שולן, אָבער די 105 שולן זיינען פיל שטאַרקער און באַפעסטיקטער ווי עס זיינען געווען די 148 שולן. מיט דריי יאָר צוריק זיינען כמעט אַלע שולן געווען האַלבע שולן. אייניקע האָבן געהייסן קעמער־לעך, ד. ה., זיי האָבן געלערנט בלויז 2 און אפילו איין טאָג אַ וואָך. היינט האָבן מיר אָבער אַ מאַיאָריטעט פון גאַנצע שולן. איין לערער לערנט אין אַ שול גאַנצע 5 אָדער 6 טעג. דאָס איז טאַקע געווען די הויפּט־סיבה פאַרוואָס מיר האָבן געמוזט צומאַכן אַזאַ גרויסע צאָל שולן. דער לערער־פּערסאָנאַל איז אין די 3 יאָר ליידער קנאַפּ פאַרגרעסערט געוואָרן.

און לאָמיר דאָ היינט באַשטעטיקן, אַז די פּאָליסי פון אויפבויען גאַנצע שולן איז געווען אַ נויטיקע און האָט מעגלעך געמאַכט, אַז אונדזער שול־באַוועגונג זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן אויף אַ געזונטער באַזע.

וואָס זיינען געווען די הויפּט־פּראָבלעמען, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר אונדזער קינדער־שול באַוועגונג אין די לעצטע דריי יאָר? אין אונדזער

באַריכט צו דעם נאַציאָנאַלן שול־צוזאַמענפאָר, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 25טן דעצעמבער, 1936, האָבן מיר געזאָגט:

„מיר ווילן באַ דעם איצטיקן צוזאַמענפאָר דאַרפן זייער גענוי פעסטשטעלן, אַז אין דער אָנווענדונג פֿון אונדזער פּרינציפּן־דערקלערונג האָבן מיר געמאַכט פּיל אָפּנויגן. אונדזער שול איז געוואָרן אַ קלאַסן־שול, די ערשטע קלאַסן־שול אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָס איז אמת. מיר האָבן געדאַרפט אויסטרעטן דעם וועג. מיר האָבן אָבער אָפּטמאָל פאַרגעסן, אַז מיר זיינען אַ אידישע קלאַסן־שול. אָפּטרייסלענדיק זיך פֿון די נאַציאָנאַליסטישע ליבעראַלע אידייען זיינען מיר צייטנווייז אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג, כמעט ביז נאַציאָנאַלן ניהיליזם. מען האָט געקענט פֿון דעם אַרויסדרינגען, אַז אונדז גייען ניט אָן די פּראָבלעמען פֿון דער קולטור פֿון די אידישע מאַסן, זייער געשיכטע. נאַציאָנאַלע שטרעבונגען און געפילן, וועלכע זיינען ענג פאַרבונדן מיט דעם קלאַסנקאַמף. אַף אַזויפיל איז אונדזער שול ניט געווען קיין אמתע אידיש־אַמעריקאַנישע קלאַסן־שול. אונדזער שול פלאַנצט איין אין קינד דאָס געפיל און באַוואוסטזיין פֿון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט. דאָס איז ריכטיק. אָבער דאָס איז ניט אין קעגנזאַץ צו די אויפגאַבן פֿון איינפלאַנצן אין קינד יענעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, וואָס זאָל אים צוגרייטן צום קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, קעגן פאַשיזם, קעגן דער פאַשיסטישער טעאָריע פֿון העכערע און נידעריקע ראַסן, איינפלאַנצן אין קינד אַ געזונטע באַציאונג צו די פּראָבלעמען פֿון די אידישע מאַסן און די אידישע קינדער.”

אָט דאָס איז געווען די הויפּט־פּראָבלעם, וואָס האָט באַשעפטיקט אונדזער שול־באַוועגונג אין די לעצטע דריי יאָר. נאָך אַף אונדזער לערער־קאָנפערענץ, אין סעפּטעמבער 1935, האָבן מיר אויפגענומען די פראַגע וועגן פאַרוואַנדלען אונדזערע שולן אין אמתע לערן־אַנשטאַלטן, אין פולן זין פֿון וואָרט. ביז יענער קאָנפערענץ האָבן אַ סך פֿון אונדזערע שול־טוער און טיילווייז אַ צאָל פֿון אונדזערע לערער געקוקט אַף אונדזער שול מער ווי אַף אַ קינדער־קלוב איידער אַ שול. מען האָט אויך ניט געשענקט גענוג אויפמערקזאַמקייט צו דער שפּראַך. עס זיינען נאָך אַלץ געבליבן אַ צאָל עלעמענטן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן זיך פאַרוואָס מיר לערנען אידיש אין אונדזערע שולן. אָט די עלעמענטן האָבן געהאַט אַ באַדייטנדיקן איינפלוס אַף אַ צאָל לערער און טוער, וועלכע האָבן פֿון דעם געצויגן דעם „לאָגישן” שלוס, אַז וויכטיק איז בלויז די קלאַסן־דערציאונג, ווייל די שפּראַך איז דאָך בלויז אַ מיטל. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיטל שפּילט זייער אַ וויכטיקע ראָלע, אַז אָן דער אַנטוויקלונג פֿון דעם מיטל איז ניט מעגלעך אָנצופירן מיט דער אַרבעט בכלל.

מיר האָבן געדאַרפט אונטערשטרייכן, אַז דערציען דאָס קינד אין קלאַסן־גייסט מיינט אויך לייגן געוויכט אַף דער שפּראַך און וועלכער מיר לערנען

די קינדער, מיינט לערנען זיי די געשיכטע און די קאמפן פון די אידישע מאסן. מיר קענען זאָגן, אז זינט יענער צייט האָבן אונדזערע שולן געמאַכט ריזיקן פּאָרשריט אף דעם געביט.

ווען מיר גיבן א קוק אף דער שול־באַוועגונג אונדזערער, היינט און מיט 3 יאָר צוריק, וועלן מיר זי ניט דערקענען. אזא איבערברוך איז פאָר־געקומען. דער איבערברוך האָט אונדז געצוואונגען צו מאכן א רעוויזיע אין אלע אונדזערע לערן־ביכער. היינטיקן זומער וועלן מיר פאַרענדיקן דעם פּראָצעס.

לערן־ביכער און קינדער־ליטעראַטור

פאַר די לעצטע דריי יאָר האָט די נאַציאָנאַלע שול־קאָמיסיע ארויסגעגעבן די פאָלגנדע לערן־ביכער און לייען־ביכער:

„אידיש" (א גראַמאַטיק פאַרן 3טן און 4טן קלאַס) פון א. בערגמאַן און א. גאָלדבערג.

„מיין אַלעפבייס" (טעקסטבוך פאַרן 1טן קלאַס) פון דבורה טאַראַנט.

„מיין בוך" (לייענבוך פאַרן צווייטן העלפט פון ערשטן יאָר) פון דבורה טאַראַנט.

„קינדער" (לערנבוך פאַרן 2טן יאָר, פולשטענדיק רעווידירט) צוזאַמענ־געשטעלט פון ב. פרידמאַן און א. מייזל.

צווישן די ביכער, וואָס מיר האָבן שוין דערמאָנט אין די אַלגעמיינע אויסגאַבן, אָבער וואָס זיינען ארויסגעגעבן געוואָרן אונטער דער איניציאַטיווע פון דער נאַציאָנאַלער שול־קאָמיסיע און וואָס זיינען אייגנטלעך קינדער־ליטעראַטור, זיינען די פאָלגנדע:

„די מאָלי מעגווייערס" (א ביאָגראַפיע) פון א. מייזל.

„קינד אָן קייט" פון משה נאַדיר.

„לאַבזיק" (2טער טייל) פון כאַוועה פאַוועה.

דעם זומער וועלן ארויסגיין פאָלגנדע ביכער:

א מעשה־ביכל פון קאַדיע מאָלאָדאָווסקי.

רעווידירטע טעקסטביכער פאַרן 3טן און 4טן קלאַס.

א לייענבוך פאַר דער מיטלשול.

א רעווידירטע אויסגאַבע פון „אידיש".

מעשיות און לידער פון משה שיפרים.

„פּראָלעטאַרישע דערציאונג"

צווישן די באַדייטנדיקע דערגרייכונגען פון אונדזערע שולן דאַרף מען צורעכענען דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון די אידישע קינדער־שולן פון אינטער־נאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן, „פּראָלעטאַרישע דערציאונג". דער זשורנאַל האָט אָנגעהויבן דערשיינען בלויז א פּאָר חדשים פאַר אונדזער לעצטן צוזאַמענפאָר און האָט אין די דריי יאָר צייט באַוויזן זיך איינצובירגערן אין דעם לעבן פון אונדזער שול־אָרגאַניזאַציע. „פּראָלעטאַרישע דערציאונג" האָט געשפּילט

זייער אַ וויכטיקע ראָלע אין העלפֿן באַפֿעסטיקן די שול־אָרגאַניזאַציע, אין אויפֿנעמען און באַלייכטן די דערציערישע פּראָבלעמען, אין דער היים און שול, און אין קאָמענטירן איבער די וויכטיקסטע געשעענישן אויפֿן דערציערישן פֿראָנט.

ניט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אין אַלע לענדער, וואו עס עקזיסטירן אידישע קיבוצים און אידישע שולן, האָט דער זשורנאַל זיך דערוואָרבן אַן אָנגעזעענעם נאָמען. באַם לעצטן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז האָבן מיר אָנגעקניפּט באַ־ציאונגען מיט אַ גרויסער צאָל שול־טוער איבער דער וועלט און אַלע האָבן אונדז דערציילט, אַז זיי וואַרטן מיט אומגעדולד אויף יעדן נומער „פּראָלע־טאַרישע דערציאונג".

עס וועט אויך זיין אַ פֿרייד פֿאַר די דעלעגאַטן צו הערן, אַז דער זשורנאַל האָט זיך אין די דריי יאָר פֿינאַנציעל באַפֿעסטיקט, אַזוי אַז ער באַצאָלט זיך שוין כמעט פֿולשטענדיק. לעצטן יאָר האָבן מיר בלויז דערלייגט די סומע פֿון $200. מיר זיינען זיכער, אַז אין 1938 וועט ער נאָך מער באַפֿעסטיקט ווערן, אַזוי אַז מיר זאָלן קענען אַריינטראָגן אין אים אַ גאַנצע ריי ענדערונגען.

„יונגוואַרג"

„יונגוואַרג", דאָס איינגסטע קינד פֿון אונדזערע שולן, איז אַפֿילו קיין גאַנץ יאָר נאָך ניט אַלט. אָבער דאָך האָט ער שוין באַוויזן אַריינצוברענגען פֿיל יום־טוב, פֿרייד און שיינקייט אין אונדזערע שולן. „יונגוואַרג" האָט געוואונען די ליבע און באַגייסטערונג פֿון די קינדער זינט דעם ערשטן טאָג וואָס ער האָט דערזען די ליכטיקע וועלט. אַזאַ זשורנאַל ווי „יונגוואַרג" איז נאָך ניט געווען אין דער אידישער וועלטלעכער שול־באַוועגונג אין קיין לאַנד. מען קען אים גאָרניט פֿאַרגלייכן צו די קינדער־זשורנאַלן, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען פֿאַר אים. זאָלן אונדזערע מיטגלידער קריגן דעם זשורנאַל אין זייער היים, פֿאַר זייערע קינדער, און קריגן אַ געלעגנהייט אים ווי געהעריק אָפּצושאַצן.

אייניקייט אין דער שול־באַוועגונג

די נאַציאָנאַלע שול־קאָמיסיע האָט אייניקע מאָל אין פֿאַרלויף פֿון די לעצטע דריי יאָר געמאַכט פּאַרזוכן צו שטעלן זיך אין פֿאַרבינדונג מיט די שולן פֿונעם אַרבעטער־רינג, נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד און שלום עליכם שולן, כּדי צו דיסקוטירן די פֿראַגע פֿון פֿאַראייניקן די וועלטלעכע שול־באַוועגונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. מיר האָבן פֿאָרגעשלאָגן, אַז אַלס אָן אָנפֿאַנג זאָלן איינגעשטעלט ווערן ענגערע און בעסערע באַציאונגען, אַז מען זאָל דורכפֿירן געמיינשאַפֿטלעכע אַקציעס, אַרויסגעבן אַ פֿאַראייניקטן שול־זשורנאַל פֿאַר קינדער, אַרויסגעבן צוזאַמען לערן־ביכער, אָנפֿירן אַ קאַמ־פּאַניע צו קריגן סובסידיעס פֿון דער רעגירונג און פֿון די פֿאַרשיידענע „קאָמיוניטי טשעסטס" פֿאַר אַלע טיפּן שולן.

איר ווייסט דעם ענטפֿער, חברים דעלעגאַטן. דאָס איז דער זעלבער

ענטפער ווי צו אונדזערע רופן צו די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. די נאַציאָ־נאַלע שול־קאָמיסיע וועט אָבער ווייטער פאָרזעצן די אַלגעמיינע פּאָליסי פונעם אָרדן, כדי צו דערנעענטערן די פאַרשיידענע טיפּן וועלטלעכע שולן און דער־נעענטערן דעם טאָג פון איינקייט.

ענדערונגען אינעם נאַציאָנאַלן אַפּאַראַט

די שול־טעטיקייט איז אין די לעצטע דריי יאָר אַזוי אויסגעוואַקסן, אַז עס איז אומבאַדינגט נויטיק געוואָרן צו האָבן אַ באַזונדערן נאַציאָנאַלן סעק־רעטאַר פאַר די שולן. נאָך צום לעצטן שול־צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָר־געקומען אין דעצעמבער, 1936, האָבן מיר אין אונדזער באַריכט אָנגעוויזן ווי נויטיק דער שריט איז.

דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען די רעקאָמענדאַציע אין פּרינציפּ און איבערגעגעבן צו דער נאַציאָנאַלער שול־קאָמיסיע די פולמאַכט דורכצופירן די רעפאָרמע אַזוי שנעל ווי זי וועט געפינען פאַר נויטיק. מיר ווילן איצט אָפיציעל אָנאָנסירן פאַר אונדזער צוזאַמענפאָר, אַז לעצטן אָקטאָבער האָט די נאַציאָנאַלע שול־קאָמיסיע דערווײלט חבר איטשע גאָלדבערג אַלס נאַציאָנאַלן סעקרעטאַר. שוין מיט אַ צייט פריער איז חבר גאָלדבערג געווען אָנגעשטעלט אין דעם נאַציאָנאַלן שול־אַפּאַראַט אַלס דער סעקרעטאַר פון דער פּעדאַ־גאָגישער קאָמיסיע און אויספיר־רעדאַקטאָר פון „פּראָלעטאַרישע דערציאונג”. מיר זיינען זיכער, אַז אַלע חברים קענען חבר גאָלדבערגן און ווייסן, אַז די נאַציאָנאַלע שול־קאָמיסיע האָט געפונען אין חבר גאָלדבערגן דעם פּאַסיקסטן חבר, וועלכער ברענגט צו זיין אמת לאַנגיאָריקע דערפאַרונג, גרויס פייאיקייט און אַ סך איבערגעגעבנקייט.

שול־פאַראיינען

אונדזערע שול־פאַראיינען זיינען אָן צווייפל אויסגעוואַקסן אין די לעצטע דריי יאָר. אָבער פונדעסטוועגן קענען מיר נאָך אַלץ ניט זאָגן, אַז דער שול־פאַראיין איז געוואָרן יענע מאַסן־אָרגאַניזאַציע, וואָס מיר האָבן געוואָלט, זינט מיר האָבן אים אָנגעהויבן בויען. ער איז נאָך ניט געוואָרן יענע מאַסן־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אויסאיבן אַ גרויסן איינפלוס אין דערציאונג־פּראָב־לעמען, אויסער די ענגע ראַמען פון דער שול־אָרגאַניזאַציע. דער שול־פאַראיין איז נאָך ניט געוואָרן אָנערקענט אפילו פון אַ גרויסער צאָל אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטייען אַרום דער לינקער און פּראָגרעסיווער באַוועגונג. ער פאַרנעמט נאָך ניט יענעם פּלאַץ אין דעם קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די עלטערן, וואָס מיר האָבן פאַר אים באַשטימט.

דערמיט ווילן מיר ניט זאָגן, אַז דער שול־פאַראיין איז היינט שוואַכער ווי ער איז געווען מיט דריי יאָר צוריק. ניין, דאָס איז ניט אמת. די שול־פאַראיינען זיינען ניט אין אַן ערך שטאַרקער ווי זיי זיינען געווען ווען עס איז פריער. זיי זיינען מער סטאַביליזירט, אַ סך ברייטער פון דער אַמאָליקער שול־פאַרוואַלטונג. אַנדערע שול־פאַראיינען קענען זיך פאַרגלייכן צו גרויסע ברענטשעס און שפּילן אָפטמאָל אַ גרעסערע ראָל אין זייער געגנט ווי דער

ברענטש. אָן אונדזערע שול־פּאַראיינען וואָלט ניט מעגלעך געווען אויפ־צובויען די „פּראָלעטאַרישע דערציאונג" און „יונגוואַרג". עס וואָלט ניט מעגלעך געווען צו מאַכן די באַדייטנדיקע שריט פאָרויס, וואָס אונדזערע שולן האָבן געמאַכט אין די לעצטע יאָרן. אָבער אין גרויסן און אין גאַנצן גענומען טאָרן מיר זיך ניט צופרידנשטעלן מיט דעם וואוקס און מיט די דערגרייכונגען פון די שול־פּאַראיינען.

דער וואוקס פון די שולן אין פאַרגלייך מיטן אָרדן

מיר ווילן איצט אוועקשטעלן פאַר אונדזער צוזאַמענפאָר די צענטראַלע פראַגע: פאַרוואָס זיינען די שולן ניט געוואַקסן אין דער זעלבער פּראָפּאָרציע ווי עס איז געוואַקסן דער אָרדן? פאַרוואָס איז די אידישע סעקציע אויס־געוואַקסן פון 5,000 מיטגלידער צו 38,000 מיטגלידער, בשעת די צאָל קינדער אין די שולן איז אויסגעוואַקסן פון 3 און אַ האַלב טויזנט ביז 7 טויזנט? אַט־די פראַגע דאַרף פאַר זיך שטעלן יעדער איינציקער דעלעגאַט. נאָך מער, מיר האָבן אַ צאָל שטעט, אין וועלכע דער אָרדן איז באַדייטנדיק אויסגעוואַקסן, בשעת די שולן אין די שטעט זיינען דווקא געגאַנגען אַף צוריק. עס איז גענוג צו דערמאָנען אַזעלכע שטעט ווי שיקאַגאָ, לאָס אַנדזשע־לעס, דעטרויט און באָסטאָן. איז עס מעגלעך, אַז אונדזערע מיטגלידער האָבן שוין ניט קיין קינדער אין שול־עלטער? אַזעלכע פראַגן האָט מען געשטעלט באַ די לעצטע טעריטאָריעלע קאָנפערענצן. דאָס איז אָבער ניט ריכטיק. די סטאַטיסטיק אינעם אָרדן באַווייזט, אַז כאָטש דער אָרדן איז געוואַקסן אין צאָל, איז ער אָבער אין דער זעלבער צייט געוואָרן יינגער, ניט עלטער. אין 1930 איז דער דורכשניטלעכער עלטער פון די מיטגלידער געווען איבער 37 יאָר, היינט איז דער דורכשניטלעכער עלטער ווייניקער פון 37 יאָר. דעם ענטפער דאַרף מען זוכן ערגעץ אַנדערש.

מיר האָבן אין די לעצטע דריי יאָר אַליין אַריינגענומען טויזנטער נייע מיטגלידער. וואָס האָבן מיר געטאָן כדי צו דערגרייכן זייערע קינדער פאַר אונדזערע שולן? לאָמיר זיך מודה זיין, חברים, אַז מיר האָבן געטאָן זייער ווייניק אַף דעם געביט.

עס איז אמת, אַז מיר האָבן פון צייט צו צייט אַרויסגעשיקט אַ בריוו וועגן די שולן. אָבער מיט דעם האָבן מיר זיך באַנוגנט. דאָס, האָבן מיר געטראַכט, וועט שוין אַריינציען די קינדער פון די אָרדן־מיטגלידער אין די שולן. אָבער זיכער וועלן אַלע מסכים זיין, אַז דאָס האָט ניט געקענט לייזן די פראַגע.

דער ערשטער און וויכטיקסטער פאַקט, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס די שולן האָבן ניט געמאַכט קיין גרעסערן פאָרשריט, איז דאָס, וואָס וועלנדיק בויען אַ זעלבסטשטענדיקע אָרגאַניזאַציע, זיינען אָבער די שולן צופיל דערווייטערט געוואָרן פונעם אָרדן־אַקטיוו. עס טרעפט זייער אָפט, אַז די שטאָט־קאָמיטעטן פונעם אָרדן מיט די שטאָט־קאָמיטעטן פון די שולן קערן זיך גאָרניט אָן. אין דעם זיינען די שול־טוער פונקט אַזוי שולדיק ווי

די ערדן־טוער. פאַרוואָס האָבן מיר באַוויזן נאַציאָנאַל די אַפּאַראַטן אַזוי ענג צו פאַרבינדן? מעז קען ניט זאָגן, אַז די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע ווייסט ניט וואָס עס טוט זיך אין די שולן, אָדער אַז די נאַציאָנאַלע שול־קאָמיסיע ווייסט ניט וואָס עס טוט זיך אינעם אָרדן. מען קען דאָס אָבער זאָגן וועגן אַ סך שטאָט־קאָמיטעטן סיי פון די שולן און סיי פונעם אָרדן.

די צווייטע גרויסע שוואַכקייט איז דער פאַקט, וואָס די שול־טוער און דער שול־פאַראיין באַטראַכטן ניט דעם אָרדן אַלס דעם גרעסטן און וויכטיקסטן קוואַל פון וואַנען צו שעפּן קינדער. די טוער וועלן גיין סתם קענווערסן, אַנשטאָט צו נעמען דעם צעטל פון די אָרדן־מיטגלידער, באַזוכן זיי און רעדן צו זיי ווי אַ חבר צו אַ חבר. נאָך מער, אין די לעצטע יאָרן האָבן אונדזערע שול־טוער ווייט ניט גענוג געקענטוועסט, ניט נאָר צווישן דרויסנדיקע, נאָר אַפילו צווישן אָרדן־מיטגלידער. זיי האָבן, ווייזט אויס, פאַרגעסן, אַז זיי דאַרפן ניט אָפּקלאַפּן די טירן פון די אָרדן־מיטגלידער, דאָרטן קענען זיי אַריינקומען ווי צו חברים, צו אייגענע.

דריטנס, לאָמיר זייער קלאָר פאַרשטיין, אַז אַפילו ווען די שולן וואָלטן ניט געווען קיין אָרדן־שולן, וואָלטן ניט געטראָגן אונדזער נאָמען, נאָר וואָלטן גלאַט געווען אַרבעטער־שולן, וואָלטן מיר באַדאַרפט זאָגן צו זיך: די אויפגאַבע פון דערציען אונדזערע קינדער אינעם קלאַסן־גייסט איז ניט בלויז די אויפגאַבע פון די שול־טוער און פון דער שול־אָרגאַניזאַציע. דאָס איז אויך אונדזער אויפגאַבע. געבענטשט זאָלן זיין די הענט פון די שול־טוער, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט אַזאַ וויכטיקער אַרבעט, אָבער מיר דאַרפן זיי העלפן אין אָט־דער וויכטיקער אַרבעט. הייַנט בפרט נאָך, אַז די שולן טראָגן אונדזער נאָמען, דערציען די קינדער אינעם גייסט פון אָרדן, גיבן אונדז צו אַ סך פּרעסטיזש און אָנזען צווישן די אידישע מאַסן! די דערציאונג־אַרבעט פון אונדזערע שולן איז אַן אינטעגראַלער טייל פון אונדזער גאַנצער קולטור־אַרבעט. עס איז ניט מעגלעך קיין אמת־ברייטע קולטור־אַרבעט אינעם אמתן זין פון וואָרט, אָן דעם וויכטיקסטן צווייג — די דערציאונג פון אונדזערע קינדער. אודאי איז גוט וואָס מיר בויען אַ זעלבסטשטענדיקע אָרגאַניזאַציע אַרום די שולן, די שול־פאַראיינען, אָבער מיר טאָרן ניט אַרויפוואַרפן אויף זיי די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער שול־אַרבעט.

עס איז צייט, אַז אונדזער קאָנווענשאָן זאָל זאָגן צו אונדזער אַקטיוו אין יעדער שטאָט, צו אונדזערע אָנפירנדיקע חברים אין די שטאָט־קאָמיטעטן: מיר וועלן ניט פאַררעכענען דעם דערפאָלג פון אייער אַרבעט פאַר פולשטענדיק, אויב איר וועט ניט גלייכצייטיק אויפבויען אייער שול־באַוועגונג. מיר דאַרפן זאָגן צו די שיקאַגער אַקטיוויסטן, צו די אַקטיוויסטן אין לאָס אַנדזשעלעס: איר האָט געהאַט גרויסע דערפאָלגן אין בויען דעם אָרדן אין אייער שטאָט; איר מוזט איצט בויען שטאַרקע קינדער־שולן, געזונטע שול־פאַראיינען.

אונדזערע זשורנאַלן, די „פּראָלעטאַרישע דערציאונג" און „יונגוואַרג", מוזן אַריינגעבראַכט ווערן אין די היימען פון די טויזנטער אָרדן־מיטגלידער.

באַקענענדיק זיי מיט אונדזער שול־באַוועגונג* וועלן מיר גלייכצייטיק העלפן די קולטור־אַרבעט פונעם אָרדן.

און צו די איבערגעגעבענע שול־טוער ווילן מיר נאָכאַמאָל זאָגן: שטעלט ניט אַוועק די שול־פּראָבלעמען אַף אַ גראָשנדיקן אופן אינעם אָרדן. שטעלט זיי אַוועק אַף אַ וויכטיקן אָרגאַניזאַציאָנעלן באָדן: אַף וויפיל קען די שול־אַרבעט אַריינגעטראָגן ווערן אין ברענטש, אַף וויפיל קען די אַרבעט פאַרבונדן ווערן מיט דער אַרבעט פון אָרדן.

VII. ווי האָט געאַרבעט אונדזער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַפּאַראַט?

גלייך נאָך אונדזער לעצטער קאָנווענשאָן, באַם ערשטן מיטינג פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצושטעלן חבר גדליה סאַנדלער, אַלס געהילף־סעקרעטאַר פון דער אידישער סעקציע. די אַרבעט פון חבר סאַנדלערן איז באַוואוסט צו די חברים איבערן גאַנצן לאַנד. באַריכטנדיק צו דער היינטיקער קאָנווענשאָן קענען מיר זאָגן צו די דעלעגאַטן: די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט ניט געמאַכט קיין טעות. חבר סאַנדלער האָט געאַרבעט מיט דער פולסטער איבערגעגעבנקייט. ער האָט די גאַנצע ליבע פאַר אונדזער באַוועגונג אַריינגעגעבן אין זיין אַרבעט צו בויען דעם אָרדן. מיר האָבן אין אים אַן איבערגעגעבענעם חבר און בויער.

אָנפאַנג 1937, ווען מיר זיינען צוגעטראָטן דורכצופירן די פּלענער פאַר אונדזער קאָאָפּעראַטיוון פאַרלאַג, האָט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע איינגעזען, אַז עס איז נויטיק צו האָבן אַ ספּעציעלן חבר, וועלכער זאָל זיך אָפּגעבן מיט בויען דעם קאָאָפּעראַטיוון פאַרלאַג און פאַר אים זיין פאַראַנטוואָרטלעך, און וועלכער זאָל אויך קענען פון צייט צו צייט אַרויספאָרן איבערן לאַנד, זיין דער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַטאָר. מיר האָבן אָנגעשטעלט חבר גראָספעלדן פאַר אָט־דער אַרבעט. חבר גראָספעלד האָט געמאַכט אייניקע קורצע דערפאָלג־רייכע טורס, אָבער ליידער האָט זיך געשאַפן אַ ספּעציעלע לאַגע אין שיקאַגאָ און מיר האָבן געמוזט באַשטימען, אַז חבר גראָספעלד זאָל דאָרט בלייבן ביז אונדזער איצטיקן צוזאַמענפאָר. עס איז דער באַשלוס פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, אַז גלייך נאָך דער איצטיקער קאָנווענשאָן זאָל חבר גראָספעלד צוריק פאַרנעמען זיין פּלאַץ אין נאַציאָנאַלן אָפיס. די איינצלהייטן וועגן זיין אַרבעט וועט באַשטימען די אַריינקומענדיקע נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע. איך פאַרשפּאָר אייך צו זאָגן, חברים דעלעגאַטן, אַז אין חבר גראָספעלדן האָבן מיר אַ טוער אַף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב — זיין אַרבעט אין שיקאַגאָ האָט דאָס באַשטעטיקט. און מיר זיינען זיכער, אַז חבר גראָספעלד וועט מיט זיין וויטערדיקער אַרבעט דאָס פולשטענדיק באַשטעטיקן.

לעצטן יאָר האָט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע איינגעזען, אַז עס איז נויטיק אַוועקצושטעלן אין די וויכטיקסטע שטעט חברים, וועלכע זאָלן אָפּגעבן זייער גאַנצע צייט פאַר בויען דעם אָרדן. מיט אַן ערך אַ יאָר צוריק האָבן

מיר מיט דער גוטהייסונג פון די חברים אין די שטעט אָנגעשטעלט דעם חבר דזשענאָספּסקי אין פילאַדעלפיע, מיט חדשים שפּעטער חבר אַלעפּן אין באָסטאָן און אין די גאָר לעצטע חדשים חבר מאַימאָדעסן אין לאָס אַנדזשעלעס און דעם חבר גאָלדפאַרב פריער אין באָסטאָן אָפּן פּלאַץ פון חבר אַלעפן, וועלכער האָט ניט געקענט בלייבן, און נאָכדעם אין דעטרויט, און ווען חבר גאָלדפּאַרב איז אַוועקגעפאָרן קיין דעטרויט — חבר פּלאָטקינען אין באָסטאָן.

מיר ווילן דאָ באַשטעטיקן, אַז דער באַשלוס פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע איז געווען אַ ריכטיקער. די וויכטיקסטע שטעט נויטיקן זיך זייער שטאַרק אין חברים, וועלכע זאָלן זיך אָפּגעבן מיט דער קולטורעלער און אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט. אָט־די אַלע חברים, וואָס מיר האָבן געשיקט פאַר דער ספּעציעלער אַרבעט, האָבן געטאָן זייער אַרבעט מיט דער פולער איבערגעבנקייט צום אָרדן און מיט דער פולער אחריות פאַר די אויפגאַבן, וואָס זיינען פאַר זיי געשטאַנען. אָפּן גרונט פון אונדזער קורצער דערפאַרונג וועט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע דאַרפן מאַכן אייניקע ענדערונגען. דאָס וועט וואַרשיינלעך געטאָן ווערן באַ דער ערשטער זיצונג פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע. מיר טאָרן ניט פאַרלירן קיין צייט, מיר מוזן באַפעסטיקן אָט־די שטעט איבערן לאַנד גלייך איצט.

די לעצטע נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון דער אידישער סעקציע האָט פונקציאָנירט פולע דריי יאָר — זינט אונדזער לעצטן צוזאַמענפאָר. בלויז איין חברטע איז אַרויסגעפאַלן, חברטע ווערבין, און איר פּלאַץ האָט פאַרנומען דער ערשטער אָלטערנייט, חבר סאַנדלער. ווי דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר, ברענגענדיק אייך היינט דעם באַריכט, מוז איך אייך זאָגן, אַז די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט געאַרבעט אין פולשטענדיקער האַרמאָניע, אַז זי האָט פונקציאָנירט אויסגעצייכנט. זייער זעלטן, אַז עס פלעגן פעלן חברים צו די זיצונגען. דער גרעסטער טייל האָט אַוועקגעגעבן שבתים און זונטיקס און זייער אַ סך אָוונטן אינמיטן דער וואָך צו פאָרן אין די שטעט אַרום ניו יאָרק, אָדער אין ניו יאָרק גופא, און אויפנעמען די קאַמפּאַניעס, פאַרטרעטנדיק די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע באַ ברענטשעס און שטאָט־קאָמיטעטן. די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט זייער ערנסט אויפגענומען די פּראָבלעמען פון אונדזער אָרדן, האָט צוגעגרייט די פּלענער פאַר די מיטגלידער־קאַמפּאַניעס, פאַר אונדזער קולטור־אַרבעט. די גאַנצע נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט געטריי געדינט אונדזער אָרדן און איז געווען וואַכזאַם צו די פּראָבלעמען, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר דער אידישער סעקציע.

אויך דער קולטור־ראַט, אין וועלכן עס זיינען אַריינגעגאַנגען אַ צאָל מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע און אַ צאָל ניט־מיטגלידער, האָט מיט איבערגעגעבנקייט דערפילט די אויפגאַבן, וואָס זיינען אַף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן. ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס דער קולטור־ראַט איז געווען ניי אין אָרדן, האָט ער מיט זיין אַרבעט באַרעכטיקט זיין עקזיסטענץ. די אַריינקומענדיקע נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע וועט דאַרפן באַלד באַ דער ערשטער זיצונג אָרגאַניזירן דעם נייעם קולטור־ראַט. דערלויבט מיר אויסדריקן אין נאָמען פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע אונדזער הברשע אָנער־

קענונג די חברים מיטגלידער פון קולטור־ראַט, וועלכע האָבן ערנסט, ערלעך און מיט איבערגעגעבנקייט געדינט אונדזער אָרדן.

שלום

חברים דעלעגאַטן: אין אייערע הענט איז איבערגעגעבן געוואָרן דער באַריכט פון דריי יאָר אַרבעט פון דער אידישער סעקציע, וואָס שליסט איין ניט נאָר די אַרבעט פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, פון אירע אָנגע־שטעלטע, פון דעם קולטור־ראַט, נאָר שליסט אויך איין די אַרבעט פון די שטאַטישע קאָמיטעטן איבערן לאַנד, די טעטיקייט פון אונדזער אָרדן אַלס אַ גאַנצן. מיר האָבן ניט פּרובירט העלער צו מאָלן אונדזערע דערגרייכונגען ווי זיי זיינען, מיר האָבן ניט געזוכט צו פאַרקלענערן אונדזערע דורכפאַלן.

ווען איר קוקט אַף דעם פּרעכטיקן בנין וואָס מיר בויען, אַף די אויפ־געבויטע טיילן מיט 5 יאָר צוריק, אַף די נייע צוגעבויטע פּרעכטיקע שטאָקן אין די לעצטע דריי יאָר, לייכטן אַרויס אַלע אונדזערע דערגרייכונגען. ווען איר פאַרגלייכט עס אָבער מיט דער לאַגע פון די אידישע מאַסן איבער דער וועלט, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, מיט דער אָפּגעשטאַנענקייט אַפן קול־טורעלן געביט, דעמאָלט ווערט אַ סך פאַרטונקלט אין דעם העלן ליכט.

ווען איר טראַכט וועגן דער ראָלע פון דער אידישער סעקציע פון אָרדן אין דעם לעבן פון די אידישע מאַסן אין אַמעריקע, מוזט איר אַ טראַכט טאָן — ווי וואָלט דאָס מעגלעך געווען אָן אונדז? איר פרעגט זיך מיט רעכט די פראַגע: ווער האָט פאַר זיך געשטעלט אינעם איצטיקן מאָמענט אָט־די ריזיקע אויפגאַבן פון אויסברייטערן און באַרייכערן דאָס קולטורעלע לעבן פון די אידישע מאַסן? ווער האָט זיך געשטעלט אַזעלכע גרויסע אויפ־גאַבן צו העלפן אויפבויען און אויסברייטערן די אידישע ליטעראַטור, אַריינ־ברענגען נייע ווערטן אין אונדזער קולטור־לעבן? מיר דאַרפן זיך אַלע פילן שטאָלץ, וואָס אין 1938, אין די שווערע יאָרן, האָט זיך געפונען אַן אָרגאַני־זאַציע, וואָס האָט פאַרבונדן דעם באַרוף פון פראַטערנאַליזם, וואָס דאָס מיינט פריינטשאַפט, חברשאַפט, מיטן קאַמף פאַר אַ בעסערן און שענערן לעבן, וועלכע האָט פאַרבונדן אַזעלכע פּשוטע זאַכן ווי בענעפיטן מיט די הויכע אידעאַלן פונעם אַרבעטער־קלאַס. מיר זיינען זיכער, אַז די איצטיקע קאָנווענשאָן, נאָך מער ווי די פריערדיקע, וועט נאָך הערלעכער שיינען אין דער געשיכטע פון אונדזער אָרדן, וועט נאָך העלער שיינען אין דער געשיכטע פונעם אַרבעטער־קלאַס, וועט העלער שיינען אין דער געשיכטע פון די אידישע מאַסן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אונדזער הייניקע קאָנוועגשאָן וועט זיין אַ פרוכטבאַרע, אַ קאָנוועגשאָן וואָס וועט אונדז ברענגען נאָך צו גרעסערע דערפאָלגן, אַ קאָנוועגשאָן וואָס וועט נאָך מער באַפעסטיקן אונדזער אָרדן אַלס אַ וויכטיקן טייל פונעם אַרבעטער־קלאַס אין אַמעריקע, אַלס אַן אָרגאַני־זאַציע וואָס וועט בייטראָגן איר חלק צו דער ענדגילטיקער באַפרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס, פון דער גאַנצער מענטשהייט.